בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
חג הסוכות תשפ"ב
Vol. 30-A
United Jewish Community of Blooming Grove

זמנים
זמנים ליום טוב סוכות
דייט 10

# היסטאָרישער טויש אין לאָקאַלע זאָנינג געזעץ אפיציעל באַשטעטיגט און דורכגעפירט

17

## וויכטיגע "פּעטיציע דרייוו" אונטערגענומען קעגן אומ'יושר'דיגע קאנטראקט צווישן "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" מיט "אראנדזש קאונטי טראנזיט באס קאָמפּאַני"

27

## ערפאַרענער בילדינג אינספעקטאר נאָמינירט צו דערשטרייטן פלייץ פון אפליקאציעס להרחבת גבולי הקדושה אין ליכט פון נייעם פאָזיטיוון זאָנינג געזעץ

9

## פּרעכטיגע און האַרץ דערפרייענדע גייסט פון "הרחבת גבולי הקדושה" אין אַלע ווינקלען פון דער שטאָט;

11

## יערליכע וויכטיגע וואלן פאר פאזיציעס אין דער "יו. דזשעי. סי." וועט אָפּגעהאַלטן ווערן קומענדיגן ליל שישי וירא הבעל"ט

20

## ווילעדזש גאר טעטיג צו פאררעכטן די פילע שאדנס וואס האריקעין אייד"א האט אנגעברענגט פאר אונזער געגנט

14

**לעצט מינוטיגע טויש:** צוליב א קליינע אויפשטייג פונעם קאוויד ווירוס איז אפגערופן געווארן די קאמיוניטי דעי - מיט פארברענגען פאר קינדער, וואס איז געווען געפלאנט דורכ'ן ווילעדזש אויף חוה"מ סוכות

# סיני הלברשטאם

אבדק"ק

**צאנז זמיגראד**

בס"ד

על ההרי"ם אשא שלומים מרובים, כטל וכרביבים, **אנשי שלומינו היקרים, תושבי עירינו בלומינגראוו המסויימים**, הצמודים בקירות לבבי ותהלתם נודע בשערים, קהל עדת חסידים יראים ושלמים, בתורה ובמעשים טובים מופלגים, ה' עליהם יחיו ויפרחו כשושנים, ובכל אשר יפנו יצליחו וקרנם ירים.

לעת תקופת השנה, הנה נא הואלתי לשאת את ברכתי ותפלתי למען אחי ורעי, כנוים קרואים שושנה, אנ"ש תושבי עירינו הישרים והנעימים, כולם אהובים וברורים, הולכים באמת ובתמים, בדרכי אבותינו ורבותינו הק' שדבריהם נאמנו מאד ולעד קיימים, כולכם תזכו לחזות בבנין שלם על ההרים הרמים, לראות וליראות ולעלות לרגל בשנה שלש פעמים.

עם כניסת השנה החדשה הבעל"ט הננו בזה לברך אתכם בברכת גמר חתימה טובה, ושיתקבלו תפלותיכם לרחמים ולרצון לפני אדון כל וימלא משאלותיכם במדה טובה ישועה ורחמים, חסד ה' יהא חופף עליכם כל הימים, ולנחת דקדושה מכל צאצאיכם זרע ברך ד' דורות ישרים ומבורכים.

ועל עירינו המעטירה הרימותי ידי בתפלה שתשרה שכינה במעשי ידינו ונזכה הלאה להרחיב גבולי הקדושה, היכלי התורה והעבודה ובתי בני ישראל לשם ולתפארת, מתוך הרחבת הדעת ורוב שמחה ושלוה, על פי דרכו הסלולה לנו ממרן רבינו הק' זי"ע מייסד העיר, מתוך אהבה אחוה ושלום ורעות, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.

ובעמדינו בתפלה לפני בעל הרחמים בימים הקדושים אלו, נתנה ראש ונשובה אל ה', וממרום יקבל שועתינו ויעלה זכרונינו להשקיף עלינו ועל כל עמו ישראל השקפה לטובה, תכלה שנה וקללותי' והשי"ת ירא כבר בעני עמו ויאמר לצרותינו די, ייטיב ה' ולא יוסיף עוד לייסרה, ויסיר מעלינו כל נגע מגיפה ומחלה, יעזור ויושיע ויגן לכל הצריכים ישועה, וימהר ויחיש גאולת חבצלת השרון, שומרי מצותיו ואסירי התקוה עוד ישובון לבצרון, ויביאנו בשירה ערוכה, להר ציון ותשיב המלוכה, כי שם צוה ה' את הברכה, ונזכה עוד בזו השנה, לשמוע קול מבשר ולעלות ציון ברנה, בישועת כל ישראל ושמחתן אמן.

באעה"ח המצפה לישועת ה' במהרה

יק' סיני הלברשטאם

# זַכָּאָה חוּלָקָנָא
# זַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל

### זמן שמחתינו תשפ"ב

**אונזערע געפילן מלא רגש, פון שבח והודאה להשי"ת, פון האריץ צו האריץ**

## יצחק עקשטיין - יואל שטערן

מעיאר געהילפן פון די ווילעדזש און סאוט בלומינג גראוו
ווארטזאגער פון די פאראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו

**ברוכים אתם לה', און אַ גוטן ערב יום טוב, אונזערע טייערע ידידים, חברים, שכנים, עסקנים, תושבי עירינו המעטירה, עיר ואם בישראל בלומינגראוו, יצ"ו.**

★ ★ ★

את שטייען מיר שוין ווידעראַמאָל ביים שוועל פון דעם פרייליכן יום טוב סוכות, זמן שמחתינו הבא לקראתינו לשלום, און ווען מען שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע, פּשוט צוריק טראַכטן וויאַזוי ס'איז אַריבער דאָס יאָר, **הייבט זיך ווי פון זיך זעלבסט אויף די הענט מיט אַ לויב געזאַנג צום קל חי, נודה לשמו יתברך בתוך אמוני, שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה.**

עס לאָזט זיך אויף אַן אמת נישט גלייבן, און ס'איז זייער שווער צו שילדערן אָדער ערקלערן פאר אידן וועלכע האָבן דאָס נישט מיטגעהאַלטן, **דעם לאַנגען וועג וואָס אונזער הייליגע שטאָט איז אַריבער אויף טריט און שריט**, פון פאַראַיאָר חודש תשרי ביז מען האָט ב"ה דערגרייכט דעם היי - יאָריגן זמן שמחתינו.

**"נודה לך ונספר תהלתך, על ניסיך שבכל יום עמנו ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת"**, ווי קענען מיר אפילו גענוג דאַנקן השי"ת אויף **די הימלישע הצלחה און סייעתא דשמיא וואָס האָט באַגלייט אונזער שטאט ערב בוקר וצהרים**, אויף אַ טאָג טעגליכן פאַרנעם, ווען מען זעט במשך די גאַנצע צייט באַשיינפּערליך געזען ווי אַ העכערע האַנט באַגלייט אונז, צו פאַרזיכערן דעם גאָלדענעם צוקונפט פון אַן עיר ואם בישראל, להחיות לנו לפליטה גדולה.

איר, טייערע איינוואוינער, זענט דאך די בעסטע עדות, כמה הרפתקאות דעדו עלן, וויפיל מען איז דאָ אַריבער פון אַלע אַספּעקטן, אין וויפיל שטרויכלונגען און שוועריגקייטן מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אָבער ווי וואונדערליך אַז עס אַז בכל עת תמיד, ביי יעדע געלעגנהייט און ביי יעדע געשעעניש האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַרויסגעשיינט די הערליכע סייעתא דשמיא און הצלחה משמי מעל **וואָס האָט באַגלייט און געטראָגן ווייטער אונזער בליענדע געגנט, וואָס איז ב"ה הולך וגדול עד כי גדול מאוד.**

בלומינגראַווער אידן קענען גוט דעם באַליבטן שלאָג - וואָרט וואָס איז שגור בפה אישי הציבור זינט די ערשטע מינוט, דער סלאָגאַן פון **"ובשם ה' נעשה ונצליח"**, וואָס איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער אומאָפיציעלער **"טרעידמארק"** פון אונזער שטאט... ווייל דאָס איז דער בלויזער אמת, **אין עוד מלבדו, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים**, און דאָס האָט אונז טאקע ממשות'דיג באַגלייט אויף יעדן ריר, פון די סאַמע אָנהויב ביז'ן היינטיגן טאָג אויף יעדן טריט און שריט.

באַקאַנט ביז גאָר איז דער יסוד וואָס איז מבואר אין ספרים הק' אויף דעם וואָס מיר געפינען אין פּרשת ויצא אַז ווען לאה אמינו האָט געבוירן די ערשטע שבטי קה האָט זי כסדר געבעטן אויף נאָך, אָבער ביי יהודה האָט זי געזאָגט **"הפעם אודה את ה'"** און דער פּסוק דערציילט אַז "ותעמוד מלדת", איז מבואר אין ספה"ק אַז צוליב דעם וואָס זי האָט דאָסמאָל נישט געבעטן אויף ווייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט די השפּעה, ווייל אינאיינעם מיט דעם שבח והודאה להשי"ת דאַרף אייביג אויך זיין דער תפלה על העתיד.

אָט דאָס איז ווירקליך די טיפע אַנערקענונג וואָס מיר אַלע, תושבי העיר, און איבערהויפּט אַלע טייערע עסקנים ושתדלני הציבור, ווייסן און שפּירן זייער גוט, אַז **מיר טוען נישט גאָרנישט אַליין**, אונזערע באַגרעניצטע כוחות און פאַרשטאַנד קענען גאָרנישט און פאַרשטייען נישט גאָרנישט. **מיר טוען בלויז דאָס ביסל השתדלות בדרך הטבע**, מיר פּרובירן צו טון דאָס ריכטיגע, און דאָס איבריגע לאָזן מיר פאר השי"ת, מיט אַ האַרציגע תפלה אַז **"השי"ת יגמור בעדינו לטובה"**, ער זאָל אַלעם צוענדיגן אויפ'ן בעסטן שטייגער, פּונקט ווי ער האָט אונז געהאָלפן ביז אַהער מיט אַזאַ שיינקייט.

וויפיל מען האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט זיך פּרובירט צומאָל איינרעדן אַז מען וועט ערלעדיגן, מען וועט דורכפירן, מען וועט שתדל'ן, האָט מען זייער שנעל באַקומען דעם קלאָרן מעסעזש אַז **"לא בכח יגבר איש"**, ס'האָט נישט גאָרנישט מיט אונזערע שתדלנות און עסקנות, און דער **"ממליך מלכים ולו המלוכה"**, ער, און בלויז ער, איז דער וואָס באַשטימט דעם אויסגאַנג פון זאַכן, כי ממך הכל ומידך נתנו לך.

אייגנטליך איז טאַקע די הצלחה אונזער באַליבטע שטאט בלומינגראָוו אַ שטראַל פון ליכטיגקייט, אַן אָפענע הארה פון דעם אַלמעכטיגן יד ה' אין דעם גרויסן הסתר פּנים פון עקבתא דמשיחא, **ווייל דאָס ווייסט יעדער אַז בלומינגראוו איז אן אויטאנאמיע און ווערט נישט געפירט דורך קיין יחיד**, עס ווערט נישט אָפּערירט דורך אַ קהלה, מוסד אָדער ראשי קהלה, **בלומינגראוו איז בלתי לה' לבדו!**

אַלעם וואָס מען האָט ב"ה דערגרייכט ביז אַהער האָט גאָרנישט מיט קיין מענטשליכע כוחות, **ס'איז בלויז די אָפענע השגחה פון הימל וואָס האָט באַשטימט אַז דאָ זאָל נקבע ווערן אַ רואיגע הייליגע ווינקל**, אַן עיר מושב מיט אַזויפיל מעלות, וואו אידישע קינדערלעך זאָלן קענען וואוינען און מגדל זיין ליכטיגע אידישע שטיבער מיט אַ ישוב הדעת ומנוחת הנפש, ביז משיח'ס טאָג במהרה.

★ ★ ★

בס"ד

# Village of South Blooming Grove

811 Route 208, Monroe NY 10950 • Phone: 845-782-2600 • Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914
www.villageofsouthbloominggrove.com

ת׳הא ש׳נת פ׳רנסה ב׳שפע

## Shana Tova!

## שנה טובה ומתוקה

כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה

Mayor
*George Kalaj*

Deputy Mayor
*Abrahm Weiss*

Trustees
*Yitzchok Feldman*
*Zalmon Rosner*
*Asher Guttman*

Confidential Assistant
*Joel Stern*

Legislative Aide
*Isaac Ekstein*



# וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם

געווים איז אָבער גלייכצייטיג פאַרהאַן דער חיוב פון אמת'ע הכרת הטוב, **להביע רננות בעד מפעלם**, פון די אַלע טייערע אידן, געטרייע און הערָאישע עסקנים חשובים תושבי עירינו, וגם לרבות די חשוב'ע נשים צדקניות תחי', וועלכע זענען שטענדיג גרייט צו העלפן צרכי העיר, מיט אַזא נאָבעלע כח העסקנות וואָס האָט וואַרשיינליך נישט זיינס גלייכן אין קיין שום אַנדערע געגנט.

ס'איז גענוג בלויז צו דערמאַנען דעם **סוקסעספולן וואַלן אויסגאַנג** דעם חודש אדר העעל"ט, אָדער די **טראַנספּאָרטאַציע קריזיס** וואָס האָט געפּלאָגט אונזער שטאט דעם אָנהויב פאַרלאָפענעם ווינטער, דאָס זעלבע אַלע אַנדערע מצבים וואָס מען איז אַריבער אינאיינעם, וואָס ס'איז נישט קיין צווייפל אַז בלויז דורך **דעם כח האחדות, און דעם שטוינענדן כח פון די געטרייע עסקנים**, כל אחד בשמו הטוב יבורך, האָט מען דערגרייכט אַזאַ הצלחה העכער אַלע ערוואַרטונגען, **ווען יעדער אַרבעט אינאיינעם**, מען זאָרגט זיך איינער פאַרן אַנדערן און מען העלפט זיך אַרויס ווי גוטע ברודער, וואָס ברענגט טאַקע די געוואונטשענע רעזולטאַטן.

זאל טאַקע באַטאָנט ווערן די חידוש'דיגע קאָנצעפּט וואָס בלומינגראוו האָט אימפּלעמענטירט, דער אור - אַלטער כלל פון שלמה המלך ע"ה אין קהלת: **"דברי חכמים בנחת נשמעים"**... אין בלומינגראוו ווייסט מען אַז **אנשטאט זיך אפּצורעדן, טוט מען זיך צונויפרעדן**... ביי יעדע געלעגנהייט רעדט מען זיך דורך מיט'ן ציבור, מען הערט אַלע מיינונגען, און **יעדער עסקן האָט אַ וואָרט און אַ דעצידירנדע מיינונג.** דאָס איז טאַקע די שיינקייט און פּראַכט פון דער שטאָט אַז אויך אויב מען האָט אַנדערע דעות, ווערט אַלעם דורכגעפירט בעצה ותושי', בהשכל ובדעת. אויך ווען מען איז ניט מסכים צו האַלטן אַנדערש, הערשט ווייטער דער פרידליכער "שמוע בין אחיכם" **ותשועה ברוב יועץ.**

אַ באַזונדערע חידוש אין בלומינגראוו איז דער פאַקטאָר **אַז טראָצדעם וואָס די שטאָט איז מערסטנס באַוואוינט מיט אינגעלייט**, וועלכע האָבן נאָך ווינציג ערפאַרונג ווען עס קומט צו דעם געביט פון שתדלנות, איבערהויפּט ווען ס'האַנדלט זיך איבער צרכי ציבור און כלל ענינים, זעהט מען אָבער די באַזונדערע סייעתא דשמיא וואָס באַגלייט די פּעולות לטובה, וואָס טוט ב"ה איבערראַשן אפילו לאַנג - יעריגע שתדלנים און עקספּערטן וועלכע באַוואונדערן **וויאַזוי אַזאַ יונגע שטאט האָט אַזוי שנעל דערגרייכט דעם ריכטיגן מהלך און אופן ההשתדלות מיט אַזא גלענצענדע ערפאָלג.**

דאָס האָבן מיר לעצטנס געהערט פון דעם באַרימטן לאַנג-יעריגן כלל - עסקן, הרה"ח רבי **משה דוד ניעדערמאַן** שליט"א, וועלכער האָט מיטגעהאַלטן פאַראַיאָר די וואַלן אינערהאַלב דעם **"יו. דזשעי. סי." קאָמיטע**, וואו ס'איז אויך אַרויפגעברענגט געוואָרן דער רעפערענדום בנוגע האוזינג.

ר' משה דוד האָט דאַן אויסגעדרוקט זיין **אויסטערלישע התפּעלות** אויף דעם מהלך וויאַזוי עס פירט זיך דער כח העסקנות דאָ אין שטאָט, באַטאָנענדיג אַז דאָס וועט בלי ספק דינען ווי אַ מוסטער פאַר'ן גאַנצן היימישן ציבור איבער גרעיטער ניו יאָרק און אומעטום, וויאַזוי מען קען אַזוי שיין אַהערשטעלן **אַ פאַראייניגטע אחדות'דיגע שטימונג**, צו אַרבעטן אינאיינעם מיט אַזויפיל פאַרשטענדעניש און באַזעסנקייט.

והאמת ניתן להאמר, אַז דאָס הערט מען כסדר פון די פרישע איינוואוינער, וועלכע ציען זיך אַריין קיין בלומינגראוו, און וואונדערן זיך אָפּן: **"ואמרת בלבבך מי יולד לי את אלה"**, וויאַזוי קען דאָס זיין אַז ס'איז אַ פאַרהעלטנסמעסיגע נייע שטאט, אָבער מען ווייסט אַז ביי יעדע פּראָבלעם איז דאָ אַן אדרעסע וואו מען קען זיך ווענדן; **וויאַזוי פונקציאָנירט אַ פלאָטע פון 12 באָסעס וועלכע טראָגן און ברענגען אונזערע צאן קדשים מיט אַ גענויטן סיסטעם מדי יום ביומו? וויאַזוי ווערט יעדע טעמע באַהאַנדלט מיט אַזאַ עקספּערטיז און געטריישאַפט; מהיכן ירק זה חי, וויאַזוי האָט דאָס פּאַסירט ?**

אָבער דער איינפאַכער ענטפער ווייסן מיר אַלע: ס'איז דער הערליכער כח האחדות, **ס'איז די אויסשליסליכע קרעדיט פון די טייערע עסקנים, פון אַלע קהלות און פון אַלע געגנטער דאָ אין שטאָט.** וואָס יעדעס מאָל ווען מען האָט אונז געוואָלט צעטיילן אָדער צעברעכן חלילה, האָט דאָס נאָכמער אונז פאַראייניגט. מיר זענען אַלע געווען קלאָר מיט די החלטה אַז מיר וועלן זיך נישט לאָזן געשטערט ווערן צוליב חילוקי דעות וכדו', **מיר וועלן גיין קעגן דעם שטראָם, בלומינגראוו סטיל**, און בלויז פאָקוסירן אויף דעם תכלית הנרצה, מיט שכל און פאַרשטאַנד, ונמצא חן בעיני אלקים ואדם.

**הוד והדר פעלם וצדקתם עומדת לעד!**

מיר אַלע זענען מלא הכרת הטוב פאַר אייך אַלע, טייערע עסקנים, כל אחד בשמו הטוב יבורך, **יעדער וואָס האָט נאָר אַמאָל צוגעלייגט אַ פלייצע פאַר די הצלחת העיר ותועלת בני העיר**, על הנגלות ועל הנסתרות, על הנזכרות ועל הנשכחות, **איר אַלע זענט אַ גלייכע חלק אין דער קאָלעקטיווער בילד פון דער שיינענדיגער הצלחה וואָס איז קענטיג אין יעדן ווינקל, מיט אייער הילף וועט אונזער שטאט ווייטער ממשיך זיין להרבות חיל**, כה יתן ה' וכה יוסיף.

מיר אַלע זענען מלא הכרת הטוב פאַר אייך אַלע, טייערע עסקנים, יעדער וואָס האָט נאָר אַמאָל צוגעלייגט אַ פלייצע פאַר די הצלחת העיר ותועלת בני העיר, על הנגלות ועל הנסתרות, על הנזכרות ועל הנשכחות, איר אַלע זענט אַ גלייכע חלק אין דער קאָלעקטיווער בילד פון דער שיינענדיגער הצלחה וואָס איז קענטיג אין יעדן ווינקל...

★ ★ ★

# לפני מלכים ורוזנים יתייצבו

ובמיוחד איז עס אַצינד דער זמן גרמא צו באַדאַנקן בשער בת רבים פאַר די **אישי הציבור, לעגענדאַרע עסקני ושתדלני היהדות החרדית**, וועלכע זענען גרייט בכל עת מצוא צו שטיין צוהילף פאַר דאָס בלומינגראווער אידנטום, בעצה ובפעולה, מיט אַזויפיל געטריישאַפט און באַגלייטונג, לא יאומן כי יסופר.

ובכן יבוא על הברכה, לשבח ולתהלה, הרבני החסיד המרומם

עושה גדולות למען כל קדשי ישראל, מו"ה **משה דוד נידערמאַן** שליט"א, **פּרעזידענט פון דער יו. דזשעי. או. אין וויליאַמסבורג;** וואָס איז עושה ומעשה דורכאויס די גאַנצע צייט, מיט ווייטגרייכענדע **פּעולות חובקות און שתדלנות, ביודעים ובלא יודעים**, ביי די סאַמע העכסטע פענסטער און רעגירונג אינסטאַנצן, פאר דער הצלחה פון אונזער שטאט.

דאָס זעלבע זענען מיר שולדיג אַ האַרציגן יישר כח מעומק הלב פאר הרבני מו"ה **אהרן בנציון ווידער** הי"ו, **לעגיסלאַטור פון ראַקלענד קאַונטי**, וואָס מיט זיין וואַרעם אידיש האַרץ איז ער שטענדיג גרייט, מוכן ומזומן, צו אַרויסהעלפן מיט אַלעם וואָס איז שייך אויפ'ן פּאָליטישן פראָנט, **טרם יקראו והוא נענה**, צו פאַרזיכערן די רעכטן פון אידישע קינדער אין דער געגנט.

און אַ ברכת הכרת הטוב מיוחדת פאר הרבני מו"ה **ירוחם זילבער** הי"ו, מיטגלידער אינערהאַלב די "אגודת ישראל" דאַמעריקע, וואָס באַגלייט בפועל אַזויפיל פעולות לטובת הכלל והפרט בתוככי עירינו, און אפילו בעת די שורות ווערן געשריבן **איז ער העפטיג אַקטיוו מיט די האַקעלע שתדלנות ביים ניי-אויפגענומענע גאווערנער, מיס. האַקול, מיט וויכטיגע שתדלנות למען תועלת בני העיר.**

איבערהויפּט זאל באַגריסט ווערן די פולע לייסטונגען פון די אויבנדערמאַנטע עסקנים החשובים הע"י, **אינאיינעם מיט אַנדערע חשוב'ע אידישע אָרגאַניזאַציעס**, וועלכע זענען עוסק מיט העפטיגע אינטערווענץ צו אָפּשרייען די הימל - שרייענדע פאַרברעך פון דעם א.ג. "**פּרעזערוועישאַן טעקס**" וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן במרמה דורך דעם טאַון.

ס'איז באמת אַ הערליכע ערשיינונג וויאַזוי **אידן פון אַנדערע געגנטער, וועלכע האָבן נישט קיין שום פּערזענליכע אינטערעסן אינערהאַלב בלומינגראוו, לייגן אַריין אַזויפיל האַרץ און געפיל צו העלפן די געגנט**, זעהנדיג ווי אונזער שטאט איז ב"ה אַ מוסטער פון אחדות, פון אהבה ושלום ורעות, און עסקנות לשם שמים.

ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלמה מעם ה' אלקי ישראל!

★ ★ ★

# אַ פולע יאָר פון קעניגליכע טראַנספּאָרטאַציע סערוויס, געטריי, פּונקטליך און אחריות'דיג:

אין פּרשת וילך געפינען מיר ביי דער מצוה פון "הקהל" אַז מען האָט אויך געדאַרפט ברענגען די קליינע קינדערלעך, און ווי רש"י ברענגט אויפ'ן פּלאַץ בשם חז"ל **"ותף למה באו ליתן שכר למביאיהן"**, ווייל דאָס גרויסע שכר פון די וועלכע פירן קליינע קינדער צו לערנען תורה איז אומשאַצבאַר.

ווי גרויס איז אַלזאָ אונזער הכרת הטוב מעומק הלב, אין נאמען פון יעדן איינציגן איינוואוינער און זייערע פאמיליעס, פאר די געטרייע האַרציגע טראַנספּאָרטאַציע שטאַב פון אונזער שטאט, ספּעציעל פאר די חשוב'ע **מרת הירש** תחי' און הר"ר **נסים סאאל** הי"ו, וועלכע האבן אריינגעלייגט אַזאַ אומבאַגרייפליכע עבודה קשה שבמקדש זיכער צו מאכן אז די טראנספּארטאציע אינציאטיוו פון אונזער שטאט פארט על צד היותר טוב.

עס לאזט זיך באמת נישט זאגן **די שוועריגקייטן וואס מען איז אריבער אין די תקופה ווען די באָס פירמע האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט.** יעדן טאָג פאר זיך איז געווען אַן איבערלעבעניש,

**מען האָט געדאַרפט דעקן "ראוטס" און ס'איז נאָכנישט געווען קיין קביעות'דיגע דרייווער און קיין מסודר'דיגע "ראוטס".** בנוסף צו אַלע שטרויכלונגען און שוועריגקייטן וואָס זענען אונטערגעקומען. עס זענען דעמאָלט געווען די געטרייע אידן, וועלכע האָבן זיך ממש צעריסן, זיכער צו מאכן אז אַלעס גייט אָן מיט אַ שטאַרקייט, שלא יחסר התמיד.

אָט דאָס האָט פאָרגעזעצט טאג איין און טאג אויס. **עס זענען געווען טעג ווען מען איינפאַך נישט געוואוסט ווער עס גייט פירן די קינדער**, מען האט געהאלטן פופצן מינוט בעפאָר די צייט וואָס דער "ראוט" דאַרף זיך אָנהייבן עס איז נאכנישט געווען קיין דרייווער פאר'ן באָס... אָבער די אידן האבן זיך משליך נפשם געווען מנגד, **מיט אַזויפיל געטריישאַפט** צו פאַרזיכערן אַז מען גיט זיך אַן עצה און מען שטעלט צופרידן די עלטערן.

זייענדיג אַ שפּאָגל נייע קאמפּאני, איז דאך פארשטענדליך אז בני אדם אין דעותיהן שוות, און **איבערהויפּט ווען מען האנדלט מיט אזויפיל עלטערן, פון דריי באַזונדערע מוסדות התורה.** עס לאָזט זיך גאָרנישט שילדערן וואָס פאַראַ אַרבעט זיי האָבן אַריינגעלייגט צו אויסהערן אַלע "**קאמפּלעינס**" בסבר פנים יפות, באַגלייטן אַלעם מיט אַ ישוב הדעת און מיט אַ צוגעלאָזנקייט, און מסדר זיין די פּראָבלעמען מיט אַן אחריות אויף אַ געניטן אופן און אן אוזן קשבת, **שכרם הרבה מאוד על פי פעלם!**

באזונדער זענען מיר מחויב אַ לויב געזאַנג און דאַנק פאַר די אלע **וואלונטיר באס דרייווער**, אין אַ צייט ווען מען האָט געעפענט די פירמע פון איין מינוט אויף דער אַנדערער, און ס'איז אין אָנהויב נאָכנישט געווען געהעריג מסודר מיט דרייווער, **זענען דאַן געווען טייערע אינגעלייט מיט CDL דרייווער לייסענס**, וועלכע האבן אראפגענומען פון זייער צייט אינמיטן טאג, איבערגעלאָזט זייערע פרנסות, איבערגעלאָזט זייער ארבעט, און ארויפגעטאנצן אויף א באס צו טראגן אדער ברענגען די קינדער פון חדר!

ואלה מסעיהם לשמותם (ואין מוקדם ומאוחר): מוה"ר **אליעזר וואללנער** הי"ו; מוה"ר **יודל פאלקאוויטש** הי"ו; מוה"ר **שלום יוסף לעווי** הי"ו; מוה"ר **אברהם פיש** הי"ו; **מוה"ר אברהם פריעדמאַן** הי"ו; מוה"ר **שמואל דייטש** הי"ו; מוה"ר **דניאל מאסרי** הי"ו; מוה"ר **יואל פריעדמאַן** הי"ו; מוה"ר **שמואל ברוך קאהן** הי"ו; מוה"ר **יואל אפּפעל** הי"ו; מוה"ר **יצחק ליכטענשטיין** הי"ו; מוה"ר **דוב כ"ץ** הי"ו; מוה"ר **אברהם וואנחאצקער** הי"ו; מוה"ר **אהרן בוים** הי"ו; מוה"ר **שלום פריינד** הי"ו; מוה"ר **יעקב יצחק קעסטענבוים** הי"ו; מוה"ר **יואל אבערלענדער** הי"ו; מוה"ר **שמואל ברוין** הי"ו; מוה"ר **יוסף וויינבערגער** הי"ו; מוה"ר **ירמי' לעווי** הי"ו; מוה"ר **ישעי' אלטמאַן** הי"ו; מוה"ר **שמעון יואל קליינמאַן** הי"ו; מוה"ר **חיים משה בינער** הי"ו; מוה"ר **שמואל יצחק ווערצבערגער** הי"ו; מוה"ר  **גרינוואלד** הי"ו; מוה"ר **ירחמיאל שפּערבער** הי"ו.

**דאָס זעלבע זאל דערמאַנט ווערן די תושבי העיר, וועלכע האבן זיך מתנדב געווען מיט זייערע קארס און ווענס, צו נעמען די ישיבה קטנה בחורים אין די פריע פארטאגס שעות, אַזוי אויך צו נעמען קינדער אין די זונטאָג טעג.**

פאר די אַלע אידן, **די טראַנספּאָרטאַציע שטאַב, די באָס דרייווער, די וואלענטור באָס דרייווער, און די וואלענטור קאַר דרייווער**, וועלכע האָבן מיט זייערע נאָבעלע אַקטן פאַרקערפּערט אַלע עמודי העולם, **תורה עבודה און גמילת חסדים** אויפ'ן שענסטן פאַרנעם, מיט די העכסטע מדריגה פון צדקה און מתן בסתר, בלייבט נאר איבער צו וואונטשן אַז **די גרויסע זכותים זאל זיי שטענדיג באַגלייטן צו זען אַסאַך נחת פון זייערע אייגענע קינדערלעך מיט הרחבת הדעת כל ימי חייהם.**

★ ★ ★

# דאָס יאָר תשפ"א פון אַ בלומינגראַווער קוק ווינקל...

ס'איז באַקאַנט די געשיכטע וואָס חז"ל דערציילן אונז פרקי אבות פרק ו' אַז **רבי יוסי בן קסמא** איז אַמאָל געגאַנגען אין וועג און ער האָט אָנגעטראָפן אַ מענטש וואָס האָט אים געגעבן שלום, רבי יוסי האָט אים צוריקגעגעבן שלום און יענער האָט אים געפרעדט "רבי **מאיזה מקום אתה**", פון וועלכע שטאט קומסטו, האָט אים ר' יוסי געענטפערט: **"אמרתי לו, מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אני"**.

ווי צוגעפּאַסט זענען די ווערטער צו אונזער באַליבטע שטאט, וואָס איז ווירקליך אויסגעשטיגן ב"ה אַלס דער ריכטיגער **"עיר גדולה של חכמים ושל סופרים"**, אַ שטאָט מלא חן ונועם, אָנגעפולט מיט תלמידי חכמים און בעלי בתים חשובים, אברכים יקרים, כולם אהובים כולם ברורים, מיט אַזאַ שיינקייט און קאָלירפולע געשטעל.

טאַקע בלויז אין די לעצטע 12 חדשים, פון פאַראַיאָר ביז היינט, איז נאָכמער נתאמת געוואָרן דער "מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אני", **וועןדער כח הקדושה אין אונזער שטאט איז ב"ה געוואַקסן עשרת מונים**, מיט די ערעפענונג פון די לעכטיגע **ישיבות קטנות און ישיבות גדולות וועלכע האָבן זיך קובע געווען בתוכינו**. דאָס זעלבע האָבן מיר זוכה געווען אז אַ שיינע **תלמידי חכמים און מורי הוראה האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט**, איבערהויפּט מיט די אויפנאַמע פון **חשוב'ע רבנים ודיינים אינערהאַלב ק"ק וויזניץ און ק"ק סאַטמאַר** וועלכע האָבן אַריינגעברענגט אַ פרישן כח התורה אין דער גאַנצער געגנט.

> **מיט די ערעפענונג פון לעכטיגע ישיבות קטנות און ישיבות גדולות וועלכע האָבן קובע געווען בתוכינו. דאָס זעלבע האָבן מיר זוכה געווען אז אַ שיינע תלמידי חכמים און מורי הוראה האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט...**

אין אַלגעמיין האָט "בלומינגראַוו" זיך קונה שם געווען אַלס דער הערליכער עיר מושב, **וואו יעדער היימישער איד טרעפט זיך דאָס פּלאַץ מיט אַזאַ באַקוועמליכקייט.** די שטאָט איז אַ פולקאָמע כלליות פון אַלע סאָרט שיכטן, **בעל הבית'שע אידן, געניטע ביזנעסלייט, ערליכע אַרבעטער הנהנים מיגיע כפם, בני עלי', און יושבי אהל**, אַלע שפּירן זיך דאָ באַקוועם און אויפ'ן ריכטיגן אָרט, זייענדיג אַ מקום מיט אן אייגנאַרטיגע געמיש פון אַן אמת'ע עיר מלאה חכמים וסופרים, אידן בעלי דעת מיט אַ שכל הישר וואָס ווילן לעבן אַ חיים של ישוב הדעת ומנוחת הנפש.

דאָס האָט זיך אָמבעסטן אַרויסגעשטעלט דורכאויס די פאַרלאָפענע וואל קאַמפּיינען ביי אונז אין דער שטאָט, וואו ס'איז געקומען צום אויסדרוק **די פעאיגקייטן און טאַלאַנטן מיט וואָס דער ציבור תושבי העיר איז ב"ה געבענטשט**, ווען בלי גוזמא זענען אַלע קאַמפּיינען מהחל ועד כלה, **געפירט געווארן דורך אינגעלייט און ביזנעסער וואס יעדער איינס דערפון געפונט זיך אינערהאלב די גרעניצן פון בלומינגראַוו!** דאָס רעכנט אריין די פראפעסיאנאלע **גראפיק דיזיינערס, שרייבעריי, פרינטינג, עלעקטראנישע פרעזענטאציעס וועלכע האבן אויסגעפעלט צום קאמפיין, ראבאו קאלס, טעקסט מעסעדזשינג, א.א.וו.**

אלעס איז געווארן געפירט דורך **לאקאלע בלומינגראַווער אינגעלייט, אנשי שלומינו, בעלי בתים, ביזנעסלייט, וואס מיר האבן געהאט די זכי' זיי צו שטיצן**, און זיי האבן געהאט די זכי' מיטצואַרבעטן מיט אונז, וואס עס האט נאכאמאל ארויסגעברענגט דעם כח פון אונזער שטאט בלומינגראַוו, און **דער קאָלירפולער צוזאמשטעל** פון דער שטאט.

★ ★ ★

# לכו והתפרנסו זה מזה!

אַצינד, ווען מיר האָבן ב"ה דערלעבט אַז די ווילעדזש **אַדמיניסטראַציע איז פולקאָם אַריבער אונטער אַ סימפּאַטישע היימישע ווירטשאַפט**, ברענגט דאָס טאַקע מיט זיך אַ פלייץ פון פרישע געלעגנהייטן פאר היימישע אינגעלייט, **אַרבעט געבער און אַרבעטער, ביזנעסער און געשעפטן**, זיך צו מפרנס זיין איינער פון דעם צווייטן, דורך קויפן און האנדלן בלויז פון אידישע ברודער.

ס'איז טאַקע אַ דערפרישנדע און דערקוויקענדע בילד ווען מען פאָרט אַריבער יעדע נייע **"קאנסטראקשאן סייט"** דאָ אין געגנט, און עס שרייט זיך אויס פון ווי זיך אליינס: **"אה! נאך א בלומינגראַווער איד האָט שיין פרנסה"**. היימישע אינגעלייט, תושבי העיר פאַרפיגן איבער די **פלעניניג, דאָס גיסן די קאנקריי"ט, די פרעימינ"ג, און אַלע אַנדערע בוי מאטריאל און דעטאַלן.** ווען יעדער שפּירט דאָס אחריות זיך צו אַרויסהעלפן איינער דעם אַנדערן, וואָס דערמיט שטיצט מען אייגנטליך בלויז זיך אליינס.

אין די לעצטע תקופה האָט זיך ווירקליך געשאַפן דער קאָנצעפּט וואָס רעדט פאר זיך אליינס, דער מציאות פון **"מעיד אין בלומינגראַוו"**... ווען **אידן שטיצן די לאָקאַלע עקאָנאָמיע** און מען פּרובירט זיכער מאַכן אַז ווען מען גיט סייווי אויס געלט פאר די געברויכן זאָל עס כאָטש זיין פאַר תושבי העיר. אנשטאט מען זאל געבן דאָס געלט פאר פסח אויף קמחא דפסחא, און פאר סוכות אויף צורכי יום טוב, זאָל מען עס געבן דורכאויס דאָס יאָר מיט'ן גרעסטן דרך כבוד, ובסבר פנים יפות.

לאָמיר טאַקע אינאיינעם ווייטער אָנהאַלטן אָט די שיינע איינפיר, סיי ווען א איד וויל טוהן א געשעפט, מען וויל איינקויפן א פראדוקט, באשטעלן א סערוויס, **זאל מען שטיצן די לאקאלע ביזנעסלייט און העלפן די לאקאלע עקאנאמיע**, ארויסגעבן ארבעט איינער פאר'ן אנדערן, קויפן פראדוקטן און סערוויסעס איינער ביים אנדערן, עס זאָל זיין ריכטיג "מעיד אין בלומינגראַוו", אַזוי אַרום אַז אין צוגאָב צו אַן **"עיר מלאה חכמים וסופרים"** זאָל אויך זיין **"תורה וגדולה במקום אחד"**, מיט אייגענע פּרנסות און אייגענע לאָקאַלע בעלי יכולת, הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה.

★ ★ ★

# ילכו מחיל אל חיל, די עבודת הקודש אויפ'ן עתיד

גאַנץ לעצטנס איז אונז אויסגעקומען צו האָבן אַ שמועס מיט אַ **חשוב'ער עסקן**, וועלכער איז פאַרמישט אין פילע ציבור'ישע אַנגעלעגנהייטן און העלפט אַסאַך אַרויס אידישע קינדער. דער איד האָט עטליכע קינדער וועלכע וואוינען דאָ אין דער שטאָט, און איז נאטורליך **שטאַרק אַריינגעטון בלב ונפש צו העלפן און מתפלל זיין פאַר די הצלחה און סוקסעס פון דער געגנט.**

זאָגט אונז דער איד א ריכטיגע נקודה, אַז פאַראַיאָר, אום חודש אלול תש״פ, ווען ס׳איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע רונדע וואַלן פאר די ווילעדזש באַאמטע האָט ער שוין דאַן באַטאָנט אַז די וואַלן זענען בסך הכל **״אַ שאַנס אויב מען גייט האָבן אַ שאַנס״**. נעמליך, שטייענדיג אין דעם דעמאלטיגן שווערן מצב האָט בלומינגראוו נישט געהאַט קיין שום שאַנס צו ממשיך זיין אַלס אַ אידישע שטאט. דעריבער דאַרף מען קריטיש געווינען די וואַלן און אַריינברענגען אַ סימפּאַטישע ווירטשאַפט, אַ אידישע ווילעזש באָורד און היימישע באַהערדע, און **בלויז דאַן וועלן מיר הערשט האָבן דעם שאַנס צו אויפבליען די שטאָט אַלס אַן עיר ואם בישראל.**

אָט גענוי דאָ שטייען מיר אַצינד, חודש תשרי תשפ״ב לפ״ק. מיר זענען ב״ה אַריבער די ערשטע חלק מיט סייעתא דשמיא, דער ערשטער שאַנס, די גורל׳דיגע שאלה צי בלומינגראוו האָט בכלל אַ קיום, איז בחסדי ה׳ און מיט די הילף פונעם ציבור אַריבערגעגאַנגען. **אַצינד שטייען מיר אָבער פאר די ריכטיגע אַרבעט**, מען האַלט אַצינד בעפאָר די פאַרצווייגטע עבודה קשה שבמקדש, צו צעמענטירן און אַהערשטעלן אַ אידישע שטאט לשם ולתהלה, וואָס איז לגמרי נישט קיין קינדער שפּיל, **און נעמט אַריין אַזויפיל אחריות, כובד ראש, און דמים תרתי משמע אויף יעדן הינזיכט.**

ווי ערוועגט איז קלאָר אַז אַלעם ביז אַהער איז געווען **לויטער סייעתא דשמיא.** ס׳איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל קענען נעמען קרעדיט פאר די שטוינענדע אַנטוויקלונגען וואָס השי״ת האָט אונז צוגעשטעלט. אָבער טאַקע דערפאַר איז כדאי צו דערמאַנען די הייליגע ווערטער וואָס עס שרייבט דער **אור החיים הק׳ פרשת וישלח**, איבער דעם חיוב פון טון די ריכטיגע השתדלות בדרך הטבע. וואו ער איז מפרש דעם פסוק אז מיר געפינען אַז יעקב אבינו האָט **״לדורון ולתפילה ולמלחמה״**, מיט אַ געוואַלדיגן לימוד, אַז אפילו דער בחיר שבאבות, וואָס האָט געקעמפט און באַזיגט דעם מלאך של עשו, האָט ער אָבער אָנגעגרייט אויך טבע׳דיגע מיטלען פון ״דורון תפלה ומלחמה״, וויל טראָץ דעם כח הקדושה והאמונה פון יעקב אבינו, **דארף אן ערליכער איד אויך נוצן דעם כח ההשתדלות**, און כאטש מיר ווייסן און מיר גלייבן באמונה שלימה אז אלעם איז פון הימל, און **אלעם ווערט באגלייט מיט א העכערע השגחה פרטית**, דארף מען נאך אלץ טון די ריכטיגע השתדלות און זיך נישט נאר סומך זיין על הנס.

דעריבער ביים יעצטיגן מאָמענט, שטייענדיג ביים אָנהויב פון דעם נייעם יאָר הבא לקראתינו לשלום, האָט די **״יו. דזשעי. סי.״ און דער ווילעדזש באָורד**, גענומען אויף זיך אַ קלאָרע וויזיע מיט פילע פונקטן וואו מען האָפט בעז״ה צו אַרבעטן און אינטערוועניִרן לטובת הכלל והפרט, איבערהויפט לגבי די פאָלגענדע וויכטיגע טעמעס:

**באַקעמפן און אַראָפּנידערן די הימל שרייענדע שטייערן.** דאָס רעכנט אַריין סיי די **טאַון טעקס** און סיי די **סקול דיסטריקט טעקס.** וואָס איז אַ גאָר פאַרוויקלטע און שווערע אונטערנעמונג, אַזש ס׳לאָזט זיך רואיג זאָגן אַז די לעגאַלע און טעכנישע קאָמפּליקאַציעס וויאַזוי צו בעז״ה באַקעמפן און אַראָפּברענגען די סקול דיסטריקט שטייערן **איז נאָך מער קאָמפּליצירט ווי דער גאַנצער ווילעדזש זעלבסט...** אָבער מען גייט אַריין דערינען מיט׳ן איינציגן ציל להציל ממון ישראל און מונע זיין נזק פון תושבי העיר.

**די ברענענדיגע טעמע פון האַוזינג.** דער ווילעדזש שפּאַנט אריין אין דעם גרויסאַרטיגן **״קאמפּרעהענסיוו פּלאַן״** וואָס וועט פאַרזיכערן אַז אַלעם ווערט דורכגעפירט בצדק וביושר, סיי פון א ציבור׳ישער קוק ווינקל, און סיי פאר׳ן יחיד, אַז יעדער איינוואוינער בעבר בהוה ובעתיד זאָל זיין העכסט צופרידן. **עס זאָל זיין אי״ה גענוג האוזינג פאר יעדן איינעם. אָבער גלייכצייטיג זאָל עס זיין האוזינג מיט אחריות און צוגענליכקייט,** אָן דעם וואָס די פרייזן זאלן זיך הייבן אָן קיין חשבון.

דער **״קאמפּרעהענסיוו פּלאַן״** וועט אויך שטעלן אַ ספּעציעלן געוויכט צו **אָנהאַלטן דעם נאָבעלן כאַראַקטער פון דער געגנט,** וואָס מיר אַלע האָבן אַזוי הנאה דערפון און מיר ווילן עס אָנהאַלטן פאר יעדן פּרייז, אַז דער שטאָט זאל פאַרבלייבן אַ רואיגע שיינע געגנט, מיט אַ מענטשליכע אידישע כאַראַקטער, ווי דער פסוק זאָגט **״מה טובו אוהלך יעקב - שראה פתחיהם שאינן מכונין זה מול זה״**, מיט די גדרי הצניעות און גדרי הנימוס, וואו אידישע קינדער דאַרפן וואוינען.

די העפטיגע אַרבעט און אונטערוועניץ אויף די אַלע פראָנטן איז שוין אין פולסטן שוואונג, מיט׳ן גרעסטן אחריות און כובד ראש, פאר די טובה פון אונז אַלעמען, און מיט די האָפענונג וואָס מיר זאָגן אין די יעצטיגע טעג אין דעם קאַפּיטל פון לדוד: **״הורינו ה׳ דרכך ונחני באורח מישור למען שוררי״**, עס זאָל זיך טאַקע אַלעס פירן באורח מישור, אויפ׳ן ריכטיגן וועג פאַר׳ן תכלית הנרצה, **ותקננו בעצה טובה מלפניך והסר שטן מלפנינו ומאחרינו**, עס זאלן נישט זיין קיין מכשולות, נישט פון אינדרויסן און נישט פון אינעווייניג און נישט פון די זייטן, **ונמצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם.**

★ ★ ★

## ופרוס עלינו סוכת רחמים וחיים ושלום

א ריינטרעטנדיג אין דעם פריילינכן יום טוב, וואס וועט דאס יאר געפראוועט מיט א דאפלטע דאזע פון שמחה וצהלה ביי אין שטאט, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א געבעט צו השי״ת: **״רבוש״ע, האסט אונז געהאלפן און באגלייט ביז יעצט מיט אזויפיל סייעתא דשמיא, מיר בעטן דיר, הייליגער באשעפער, גיב אונז ווייטער כח, געזונט און דעם ריכטיגן ישוב הדעת, ותקנינו בעצה טוב מלפניך, צו ממשיך זיין מיט דער גרויסער און שווערער ארבעט, וואס הייבט זיך אייגנטליך הערשט יעצט אן״...**

מיר אלע, תושבי בלומינגראוו, קוקן ארויס בעינים צופיות אז מען זאל טאקע קענען מקיים זיין דעם **״ימין ושמאל תפרוצו ואת ה׳ תעריצו״**, ביז מען וועט זוכה זיין צו דעם **״ונבנתה עיר על תילה״**, צו מרחיב זיין די גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית ה׳, **״על מי מנוחות ינהלנו, ינחני במעגלי צדק למען שמו״**, מען זאל ריכטיג קענען ארויסהעלפן און אויפטון פאר׳ן ציבור, פאר׳ן יחיד, פאר׳ן כלל און פאר׳ן פרט.

דערביי רייסט זיך ארויס א תפלה, **היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל**, פאר די געטרייע שלוחי הציבור, אונזערע אחריות׳דיגע טראָסטים, אונזערע פלענינג באָורד מעמבער, און אונזערע זאונינג באָורד מעמבער, וועלכע גיבן זיך אזויפיל אוועק פון זייער צייט און קאפ און מוח, מיטצוארבעטן און צו ערגענצן דעם גאנצן בילד דא, אז די זאך זאל פארן, און זאכן זאלן גיין אויפ׳ן ריכטיגן וועג, **כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך**, די הצלחה און סייעתא דשמיא זאל אונז און זיי ווייטער באגלייטן, צו זיין די ריכטיגע שלוחים לטובת עמך בית ישראל אשר צרכיו מרובין. עס זאל נתרבה געווארן דער כבוד שמים על ידם און נישט חלילה ארויסקומען קיין שום מכשול וטעות, ילכו מחיל אל חיל לרומם קרן התורה והעיר לשם ולתהלה.

זאלן מיר שוין בקרוב זוכה זיין צו דער גרויסער ישועה, ווען ס׳וועט זיין ״עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל״, ווען ס׳איז דאך נישט קיין צווייפל, אז אונזער גאנצער הייליגער שטאט בלומינגראוו, מיט אירע הערליכע בתי מדרשים און אידישע שטובער, וועט פארמאגן א פראמינענטן ארט אין דער ירושלים הבנויה בקרוב אין אונזערע טעג.

**א פריילינכן יום טוב, אונזערע אלע שכינים וידידים, און א גוט קוויטל! מנוחה ושמחה אור ליהודים!**

# ערפאַרענער בילדינג אינספעקטאר נאָמינירט צו דערשטרייטן פלייץ פון אפליקאציעס להרחבת גבולי הקדושה אין ליכט פון נייעם פאָזיטיוון זאָונינג געזעץ

ווי נאָר עס איז ב"ה אַריבער דער פאָזיטיווער זאָונינג געזעץ האָט זיך ווירקליך אנגעהויבן הערן אַ דערפרישנדע שטימע וואס מען האט נישט געהערט לאנגע יארן ביי אונז אין שטאט, קנאקערײ און גראבערײ פון טראקטארן און גראב מאַשינען, וועלכע זענען עוסק אין הרחבת גבולי הקדושה, בתי מדרשים, שוהלן, ישיבות, א.א.וו.

גלייכצייטיג איז אין דער ווילעדזש אָפיס אָנגעהויבן אַריינקומען אומצאָליגע אַפליקאַציעס אַנבאַלאַנגט הרחבת גבולי הקדושה דאָ אין דער שטאָט. אָבער מען האט גלייך פון אנהויב אן געזעהן, אז דער סיסטעם ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען ביז היינט בנוגע אפליקאציעס, פערמיט'ס, בילדינג אינספעקציעס, איז צר מהכיל. דער פריערדיגער סיסטעם מיט דעם בילדינג דעפארטמענט, און דעם בילדינג אינספעקטאר, וואס פלעגט זיין צוגעשטעלט פונ'ם טאון איז נישט געווען צוגעוואוינט און עס איז נישט געווען צוגעריכט, און עס האט נישט געהאט די מעגליכקייטן צו ארבעטן גענוג שנעל און פלינק, לויט דעם שנעל וואקסנדן פארלאנג.

איבערהויפט שטעלט זיך ווידעראַמאָל אַרויס וויאַזוי די ווילעדזש ווירטשאַפט איז געשלאפן פאר לאנגע יארן, ווען אויסער אפשפארן עטליכע בנינים, און זיכער מאכן אז מען שניידט די גראז, אדער אז קיינער בויעט נישט ח"ו א סוכה פאר אכט-ניין טאג, איז דאך נישט געווען צופיל מער ארבעט פאר'ן בילדינג אינספעקטאָר... אָפגעזען אַז ס'איז אינגאַנצן נישט געווען די עקספערטיז און פראפעסיאנאליזם וואס עס פאָדערט זיך ווען מען רעדט פון בויען גרעסערע בתי מדרשים א.ד.ג. איבערהויפט ווען מען דארף נאכגיין ניו יארק סטעיט געזעצן פאר אזעלכע גרויסע בנינים, וואס דאס רעכנט אריין, emergency exits און entrance elevators, און פאר גאר היכע בנינים sprinkler systems, parking, ADA אא"וו.

## ס'איז זינלאז צו קויפן פאר 800 אלפים, ווען א מייל ארויפצו איז עס האלב די פרייז. איר ווייסט דען וואס גייט זיין מיט וואסער? סוער? זאונינג?

בס"ד

## לוח הזמנים לעיר קרית יואל תשרי תשפ"ב

| | יום | יום לחודש | פרשיות ימים טובים | עלות השחר | הנץ החמה | סוף זמן ק"ש מג"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן תפלה גר"א | חצות היום | מנחה גדולה מג"א | סוף זמן מוסף מג"א | מנחה קטנה מג"א | פלג המנחה מג"א | הדלקת הנרות | שקיעת החמה | צאת הכוכבים ר"ת | Day Month |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | שבת | יב תשרי | | 5:28 | 6:40 | 9:09 | 10:22 | 10:46 | 12:51 | 1:28 | 2:04 | 5:09 | 6:41 | | 7:00 | 8:13 | Sep. 18 |
| [illegible] | ראשון | יג תשרי | | 5:29 | 6:41 | 9:09 | 10:23 | 10:47 | 12:50 | 1:27 | | 5:07 | 6:39 | | 6:59 | 8:11 | Sep. 19 |
| | שני | יד תשרי | ערב סוכות | 5:30 | 6:42 | 9:09 | 10:23 | 10:47 | 12:50 | 1:27 | | 5:06 | 6:38 | 6:42 | 6:57 | 8:09 | Sep. 20 |
| | שלישי | טו תשרי | א דסוכות, למען אמיתך | 5:31 | 6:43 | 9:10 | 10:23 | 10:47 | 12:50 | 1:26 | 2:02 | 5:05 | 6:36 | | 6:55 | 8:08 | Sep. 21 |
| | רביעי | טז תשרי | ב דסוכות, אבן שתי' | 5:32 | 6:44 | 9:10 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:26 | 2:02 | 5:04 | 6:35 | | 6:53 | 8:06 | Sep. 22 |
| | חמישי | יז תשרי | א דחוה"מ סוכות, אערוך שועי | 5:33 | 6:45 | 9:10 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:25 | 2:01 | 5:03 | 6:34 | | 6:52 | 8:04 | Sep. 23 |
| | ששי | יח תשרי | ב דחוה"מ סוכות, קל למושעות | 5:34 | 6:46 | 9:11 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:25 | 2:00 | 5:02 | 6:32 | 6:35 | 6:50 | 8:02 | Sep. 24 |
| | שבת | יט תשרי | ג דחוה"מ סוכות, אום נצורה | 5:35 | 6:47 | 9:11 | 10:23 | 10:47 | 12:48 | 1:24 | 2:00 | 5:01 | 6:31 | | 6:48 | 8:01 | Sep. 25 |
| בראשית | ראשון | כ תשרי | ד דחוה"מ סוכות, אדון המושיע | 5:37 | 6:49 | 9:12 | 10:23 | 10:47 | 12:48 | 1:24 | 1:59 | 4:59 | 6:29 | | 6:47 | 7:59 | Sep. 26 |
| | שני | כא תשרי | הושענא רבה | 5:38 | 6:50 | 9:12 | 10:23 | 10:47 | 12:48 | 1:23 | 1:59 | 4:58 | 6:28 | 6:30 | 6:45 | 7:57 | Sep. 27 |
| | שלישי | כב תשרי | שמיני עצרת, יזכור | 5:39 | 6:51 | 9:12 | 10:24 | 10:48 | 12:47 | 1:23 | 1:58 | 4:57 | 6:26 | | 6:43 | 7:56 | Sep. 28 |
| | רביעי | כג תשרי | שמחת תורה | 5:40 | 6:52 | 9:13 | 10:24 | 10:48 | 12:47 | 1:23 | 1:58 | 4:56 | 6:25 | | 6:41 | 7:54 | Sep. 29 |
| | חמישי | כד תשרי | אסרו חג | 5:41 | 6:53 | 9:13 | 10:24 | 10:48 | 12:47 | 1:22 | | 4:55 | 6:24 | | 6:40 | 7:52 | Sep. 30 |
| | ששי | כה תשרי | | 5:42 | 6:54 | 9:13 | 10:24 | 10:48 | 12:46 | 1:22 | | 4:54 | 6:22 | 6:23 | 6:38 | 7:51 | Oct. 1 |
| | שבת | כו תשרי | מבה"ח | 5:43 | 6:55 | 9:14 | 10:24 | 10:48 | 12:46 | 1:21 | 1:56 | 4:53 | 6:21 | | 6:36 | 7:49 | Oct. 2 |

# איינשטימונג באַשטעטיגט געוואָרן פּאָזיטיווע געזעץ וואָס וועט טוישן טערמין פון מעיאר און טראסטיס פון צוויי צו פיר יאר

פארלאפענעם מאנטאג פרשת כי תבא, איז פארגעקומען א פובליק הירינג וואו ס'איז איפגעבערענגט געוואָרן דער לאַנג - ערוואַרטעטער פּאָרשלאַג צו פארלענגערן די טערמינען פון דעם ערוויילטן מעיאר און ווילעדזש באורד אָוו טראסטיס, נאָכדעם וואס ביז היינט האָבן די ערוויילטע באַאַמטע געהאַט אַ קורצע קאדענץ פון בלויז צוויי יאר, וואָס האָט געפירט דערצו אַז ס'איז פאָרגעקומען יעדעס יאָר פרישע וואַלן אין ווילעדזש, וויבאַלד איין יאר איז דער מעיאר געלאפן פאר זיין צוויי יאריגער טערמין אינאיינעם מיט די צוויי טראסטיס, און דעם קומענדיגן יאר זענען געלאפן די אנדערע צוויי טראסטיס פאר א צוויי יאריגער טערמין, וחוזר חלילה יאָר יערליך.

איבריג צו ערקלערן פאר תושבי עירינו אַז דער סאָרט סיסטעם פון וואַלן יעדעס יאָר באַזונדער, האָט אָפּגעקאָסט טייער צייט, געלט, כח און מוח, וואָס האלט דעם באורד אָוו טראסטיס פארנומען מיט קאמפיינען און וואלן, אין דער זעלבער צייט וואָס מען וואָלט געקענט איסנוצן צו העלפן דעם ציבור און באַגלייטן דעם ווילעדזש פאר אַ בעסערן צוקונפט.

אָט דערפאַר איז אַרויפגעברענגט געוואָרן דער פאָרשלאַג צו טוישן און פאַרלענגערן דעם קאַדענץ פון אונזערע ערוויילטע באַאַמטע. עס איז דערביי פארגעקומען א פובליק הירינג דערויף, וואו מען האט איסגעשמועסט אלע איינצעלהייטן פונ'ם געזעץ.

צווישן אנדערע איז באַהאַנדלט געוואָרן דער סיסטעם אז ווען מען וויל טוישן די לענג פון די טערמינען פון די ערוויילטע באאמטע, איז עס אלעמאל איסגעשטעלט צו אַן א.ג. "פערמעסיוו רעפערענדום", נעמליך, אז אויב עס זאלן זיך צוזאמנעמען א געוויסער צאל וויילער, וואָס פאָרמירן אינאיינעם אַ באדייטענדער פראצענט פון דער רעגיסטרירטער באַפעלקערונג, און זיי וועלן זאגן אז זיי ווילן נישט מען זאל עס פארלענגערן, דאן כאטש מען האט שוין אדורכגעפירט דעם געזעץ אין ווילעדזש האל מוז עס נאך אדורכגיין א רעפערענדום. ד. ה. אז ביי די קומענדיגע וואלן וועט אויפ'ן בעלאט ערשיינען א שאלה פאר די וויילער אויב זאל עס זיין פאר צוויי יאר אדער פאר פיר יאר. דאס איז אַלעס אויב אַ גרעסערע צאָל איינוואוינער האבן טענות קעגן דעם געזעץ, אבער איז נישטאָ קיין ערנסטע קעגנערשאַפט, דאן גייט דער געזעץ אריין אין קראפט גלייך ביי דער אפשטימונג, און דער טערמין פון דעם מעיאר ווערט פארלענגערט אויף פיר יאר.

זאל טאַקע באַטאָנט ווערן, אַז לויט'ן געזעץ קען מען נישט אויסציהען דעם יעצטיגן טערמין פאר פיר יאר, נאר דעם קומענדיגן מאל ווען מען וועט לויפן וועט עס זיין פאר א טערמין פון פיר יאר. ד. ה. אז דעם קומענדיגן מערץ למס' [אין די חדשים אדר א'-אדר ב'], וועט דער אמטירענדער מעיאר מיט די צוויי טראסטיס, לויפן פאר א נייעם טערמין פון פיר יאר, און דאס זעלבע א יאר נאכדעם וועלן די איבריגע צוויי טראסטי'ס דארפן נאכאמאל איבערלויפן, און הערשט נאכדעם גייט אריין אין קראפט דער פיר יאריגער טערמין.

באַלד נאך דער פובליק הירינג, איז דאס געזעץ באשטעטיגט געווארן איינשטימיג דורך דעם מעיאר און אלע ווילעדזש טראסטי'ס, דאַן איז דאָס אפגעשיקט געוואָרן צום אראנדזש קאונטי רעגיסטראר, וואו עס ווערט רעקארדירט אזוי ווי עס איז דער שטייגער ביי יעדן נייעם געזעץ. און ביז דרייסיג טאג וועט דער געזעץ זיין אפגעשריבן און פולקאָם באַשטעטיגט, לטובת כל תושבי העיר.

# פרעכטיגע און האַריץ דערפרייענדע גייסט פון "הרחבת גבולי הקדושה" אין אַלע ווינקלען פון דער שטאָט;

## העפטיגע פאָרשריט ביי בוי פראָיעקטן פון בתי מדרשים צאַנז – זמיגראַד, סאַטמאַר, קאָריץ, קאָזניץ און נאָך לרומם בית אלקינו!

אין שוואונג פון די פריידיגע הרחבת גבולי הקדושה אין שטאָט איז ב"ה ענדגילטיג באשטעטיגט געווארן דער לאנג ערווארטעטער סוער הוקאפ פאר'ן צענטראַלן זמיגראַדער בית המדרש. אין די איצטיגע טעג הייבט מען אן מיט די הכנות צו גראבן און צו פארבינדן דעם זמיגראדער הויף, מיט דעם 'מוניסיפאל סוער דיסטריק'ט', כדי אז עס זאל זיך מער נישט מאכן די לאנגיעריגע פראבלעמען מיט'ן סוער און מיט'ן אפלויף סיסטעם, און עס וועט אָנהויבן א נייע עפאכע פון כבוד הבריות אין ביהמ"ד.

ווי אויך איז דער ערשטער שטאַפּל פון דעם נייעם פארקינג לאַט, בחפץ לב ובנדבת הר"ר משה האַלפערין הי"ו, פאַרענדיגט בשעטו"מ פאר א' סליחות, וואס איז אויפגענומען געווארן מיט אַ געוואַלדיגע אַנערקענונג ביי אַלעמען, און דער ציבור איז גאר שטארק דאנקבאר דערויף.

אין די יעצטיגע טעג ווערן אריינגעגעבן די לעצטיגע אפליקאציעס פאר די פאלגענדע נייע בתי מדרשים:

קהל יטב לב ד'סאטמאר האט אריינגעגעבן אן אפליקאציע צו בויען דאָס בית המדרש אויף 2 דועלק וואס וועט אי"ה זיין א פרעכטיגער בית מקדש מעט מיט א מקוה מפוארה צוגעשטעלט, מיט גענוג פארקינג וואס וועט זיך געפונען אין סאמע צענטער פון דער שטאט, זייענדיג נאנט צו דער לעיק שאור געגנטער און צו די ווארלי הייטס געגנטער, און עס וועט באדינען דעם ברייטן ציבור.

ווי אויך ווערן אריינגעגעבן די ענדגילטיגע פלענער פאר בית המדרש אמרי פנחס קאריץ, בהנהלת הגה"צ אבד"ק שליט"א, וואו מען האָט שוין גרייט געמאכט דעם באדן, גלייך נאכ'ן באשטעטיגן דעם געבעט הייזער גזועץ, און יעצט קומען אריין די ענדגילטיגע פלענער פאר'ן קאריצער בית המדרש. די פלענינג באורד און די ווילעדזש באורד קוקט ארויס צו קענען באשטעטיגן די פלענער ווי אמשנעלסטן.

אין די קומענדיגע טעג ערווארטעט מען אויך צו באקומען די ענדגילטיגע פלענער פון דעם הערליכן בית המדרש עבודת ישראל ד'קאָזניץ, בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וועלכע וועט בעז"ה אריבערגיין א טאטאלער רענאוואציע, צו קענען משלב זיין דעם בית המדרש מיט דער מקוה געהעריג, נישט אזוי ווי ביז יעצט וואס דער בית המדרש און דער מקוה זענען געווען אפגעטיילט, אבער יעצט ברוך ה' אז מען קען שוין בויען וועט עס אי"ה פארטיג ווערן, אז עס זאל זיין לכבוד ולתפארת.

אין די קומענדיגע טעג ווערט אויך ערווארטעט א מעגא פאנדרעיזינג קאמפיין איבערצובויען אינגאנצן דעם בית המדרש פון קהל יטב לב ד'סאטמאר אויף רענאוק דרייוו, בנהלת הגה"צ אבד"ק שליט"א, ווי עס ווערט ערווארטעט א שפאגל נייער בנין, ווען דער אלטער בנין וועט אראפגעווארפן ווערן עד היסוד, און אויף איר פלאץ וועט קומען א בית גדול ומפואר משוכלל לשם ולתפארת מיט א מקוה מפוארה.

הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו. מיר גייען אריין צו דעם יום טוב אין א קורצן זמן פון איין יאר, וואס די גבולי הקדושה זענען גאר שטארק נתרחב געווארן, אין א בחינה פון רוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ, א בחינה פון ימין ושמאל תפרוצי ואת ה' תעריצי, די שטאט ווערט אויסגעבויעט ב"ה מיט בתי מדרשים, כוללים, אזש עס איז א נחת רוח לתפארת ולתהלה פאר גאנץ בלומינגראוו, א כבוד ה' און א קידוש שם שמים.








# הערליכער כח התורה אין שטאָט באַלאָכטן מיט פריידיגע התמנות פון הרה"ג מעוז ומגדל רבי מנחם נתנאל הלוי יונגרייז שליט"א אַלס דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאַטמאַר

א געוואלדיגע שמחה האט ארומגענומען תושבי העיר מיט די בשורה מרנינה איבער די התמנות פון אַ מורה צדק פאר קהל יטב לב ד'סאטמאר.

נאך א לאנגע תקופה וואס דער ציבור קוקט שוין אַרויס אויף דעם מאמענט איז אויפגענומען געווארן הרב הגאון מעוז ומגדול, פה מפיק מרגליות, הרב הגאון רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א, וועלכער האָט געדינט אַלס מורה הוראה אין קהל יטב לב ד'סאטמאר וויליאמסבורג. דער נייער דיין איז אַ באַרימטער מרביץ תורה אין ביהמ"ד הגדול ד'סאַטמאַר אין וויליאמסבורג, זייענדיג באוואוסט מיט זיין בקיאות בתורה און מיט הערליכע שיעורים בהלכה, זיין געוואַלדיגע ישרות און חן בעיני אלקים ואדם, און גאר א וגעלאזענער מורה הוראה, להורות לעם ה' את המעשה אשר יעשון כבוד, וואס וועט אי"ה מיט זיין כח התורה והוראה




שטיין לשירות הציבור אלס דיין ומורה צדק פאר תושבי בלומינגראָוו.

צו דעם געהויבענעם מאמענט וואָס דער דיין שליט"א האט זיך אריבערגעצויגן אין שטאט, איז דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג תבא אין דער אווענט שטונדן פארגעקומען א מסיבת לחיים, אין שטוב פון הרה"ח ר' מענדל ראזענבערג שליט"א אויף 40 ווירדזשיניע עוו., וואו מען האָט מקבל פנים דעם דיין שליט"א און תושבי העיר האָבן אים באגריסט בכבוד התורה כראוי וכיאות.

תושבי בלומינגראָוו וואונטשן שתשרה שכינה במעשי ידיו להגדיל תורה ולהאדירה ולהרמת קרן הקהלה אויפ'ן דרך וואָס מען האָט מקבל געווען פון מרן רביה"ק זי"ע, עד ביאת הגואל.

כי תקדמנו ברכת טוב!


קויפט נישט פראפערטי פאר טייער, ווייל.... ס'גייט ווערד זיין! קיינער קען אייך נישט זאגן וואס גייט זיין די זאונינג ווייל ס'איז נאכנישט באשלאסן!

# סוקסעספולער "האוזינג קאנפערענץ" צו באַהאַנדלען בעפאָרשטייענדע "קאמפּראהענסיוו פלאַן" איבער האוזינג און זאָונינג אָפּגעהאַלטן

## מיט אַ גרעסערע באַטייליגונג פון איינוואוינער

אין אַ שטימונג פון "שבת אחים גם יחד" האָבן מאַסן תושבי העיר זיך באַטייליגט ביי דער העכסט - סוקסעספולער פּובליק מיטינג וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן דעם פאַרלאָפענעם ליל שישי פ' ראה העעל"ט, דורך די געטרייע עסקני העיר, וואו ס'איז געהערט געוואָרן דעטאַלירטע פּרטים איבער דעם בעפאָרשטייענדע "קאמפרעהענסיוו פלאַן" איבער האוזינג און זאונינג דא אין דעם ווילעדזש, און ס'איז דערביי געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט צו פרעגן שאלות און ערהאַלטן ענטפערס איבער אַלע אַנגעלעגנהייטן און פלענער פאר'ן ליכטיגן עתיד פון דער שטאט.

ווירקליך איז עס געוועןן אן ערהאַבן בילד צו באַטראַכטן וויאַזוי עס פאָרמירט זיך א היימישע אידיש שטאט מיט אַזאַ אחדות און ברידערליכע אַטמאָספערע, ווען די יו. דזשעי. סי. פאָרשטייער האָבן אַדרעסירט אַלע טעמעס וועלכע ליגן אויפ'ן טיש, און די פילע תושבים זיצן אינאיינעם תחת קורת גג אחד, אין אַ שטייגער פון שמוע בן אחיכם, ותשועה ברוב יועץ, ווען יעדער האָט א שאנס צו פרעגן סיי וואספארא שאלה בנוגע זאונינג, איבער וואספארא טוישונגען וואס מען קען טוישן און וואס מען האט שוין געטוישט.

דורכאויס די גאַנצע צייט האָבן די עסקנים פונעם ווילעדזש און די טראָסטיס געענטפערט פאַר יעדן שואל בפנים מסבירות ובסבר פנים יפות, מיט די העכסטע צוגעלאזנקייט און קלארקייט, אויסשמועסנדיג און איבערגייענדיג יעדע פראַגע פאר'ן גאנצן ציבור כדי אז מען זאל פארשטיין און אַרויסהאָבן די סיטואַציע, לשביעת רצון פון אַלעמען. ווי אויך איז געהערט געווארן שאלות דורכ'ן מענטשן וועלכע זענען געווען אויפ'ן טעלעפאן און זענען אויך געענטפערט מיט א קלאָרקייט.

געוויס האָט מען צוריקגעהערט שיינע גרוסן פון תושבי העיר וועלכע באַגריסן דעם פאַקטאָר וויאַזוי דער ווילעדזש און די שלוחי הציבור באַהאַנדלען יעדע נושא וואָס איז טאַקע כמים פנים אל פנים, און ברענגט אַ קענגזייטיגע קאָאָפּעראַציע כאיש אחד בלב אחד.

פון די גאָר וויכטיגע פונקטן וואָס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן ביי דער מיטינג איז געווען אַז ס'איז זייער ראַטזאַם צו נעמען אין קענטעניס די פילע טוישונגען וועלכע וועלן נאָך פאַסירן און דעריבער זאָל מען זיך נישט איילן צו קויפן און באצאלן הימל שרייענדע פרייזן פאר דירות אָדער שטחים דא אין דער שטאט, צוליב לאַנג - טערמיניגע חשבונות, וואָס איז נישט אויסגעהאַלטן. דאס קען זייער לייכט זיין אַ מעוות אשר לא יוכל לתקון וואָס מאכט שאדן פאר זיך און פאר אַנדערע אויף לאנגע יארן.

אין די נאָכפאָלגענדע טעג האָט מען שוין טאַקע אנגעהויבן צוזאמצושטעלן די קאמיטע וואס וועט פארפיגן איבער דעם "קאמפרעהענסיוו פלאַן". דער קאמיטע וועט פאָרמירט ווערן דורך דעם טשערמאן פון דעם "פלענינג באָורד", דער טשערמאן פון דער "זאונינג באָורד", דעם מעיאר'ס היימישע געהילפן, דער ווילעדזש אינדזשעניר, און א ספעציעלע אינדזשענירינג קאמפאני וועלכע ווערט געדינגען פאר גרויסצוגיגע פראיעקטן, וועלכע האבן שוין היסטאריע פון ארבעטן אינאיינעם מיט די סטעיט אגענטורן, ווי דער די. או. טי. או"וו.

באַזונדער וועלן אויפגענומען ווערן ערפאַרענע דיזיין פירמעס וועלכע באַפאַסן זיך אויסצושטעלן לענדסקעיפינג, וואס אויסער דעם טעכנישן און פראקטישן דעטאַלן וועלן זיי בעז"ה פאַרזיכערן די פּאַנאָראַמישע שיינקייט פון די גאַסן אנצוהאלטן דעם אייגענארטיגן כאראקטער פון אונזער שטאט.

לכונן עיר מושב!



# ווילעדזש אדמיניסטראציע גאר טעטיג צו פארריכטן די פילע שאדנס וואס האריקעין אייד"א האט אנגעברענגט פאר אונזער געגנט

בחסדי ה' איז דער ווילעדזש או"ו סאוט בלומינגראוו אפגעשוינט געווארן, אפקומענדיג מיט גאר מילדע שאדנס דורכאויס האריקעין אייד"א וואס האט באפאלן אונזער געגנט, ספעציעל האט זיך גאר שטארק אנגעזעהן דער נייער פנים פון דער נייער אדמיניסטראציע אין דער ווילעדזש. ווען איבערנאכט זענען דער מעיאר און די ווילעדזש סטעף געווען פארנומען דורכאויס די גאנצע נאכט זיכער צו  מאכן, אז ווען דער ציבור שטייט אויף אנדערפרי, זאלן די ראוד'ס זיין אויפגעקערט און אויפגעשארט, און די איינוואוינער זאלן האבן אלע זייערע מינימאלע געברויכן, אויסער די איינצעלנע מינימאלע זאכן וואס מען האט נישט געקענט ערלעדיגן דורכאויס די נאכט.

ווען עס איז געקומען אינדערפרי נאכ'ן שטורעם, האבן זיך אנגעשלאסן א גרופע חשוב'ע עסקנים אין דער ארבעט ארויסצוהעלפן דעם ווילעדזש מסדר צו זיין די לעצט פארבליבענע זאכן.


Village of South Blooming Grove
Just now ·

-- Hurricane Ida Update --

Dear Village Residents,

We are working with the Orange County Office of Emergency Management and with FEMA to get funds for individual households in the village that suffered damage from Ida, which should include funding for recovery of damages, cleanup and repairs.

There is no guarantee yet for funding and/or an approximate amount per household/incident, but we're doing our best to maximize the data collection for recovery purposes.

Please click on this link to submit your application today!

https://www.cognitoforms.com/VillageOfSouthBloomingGrove1/hurricaneidadamagereport

Time is of the essence as we have to submit the applications by Monday, September 13 in the evening.

We will keep you posted with further updates as they become available.

Sincerely

George Kalaj
Mayor

ספעציעל דארף ארויסגעברענגט ווערן לשבח דעם חשוב'ן און געטרייען טשערמאן פון ZBA רבי יהושע ביטמאן נ"י פון דער concrete Flatwork Total Division ואתו עמו הרה"ח העסקן נודע לשם ולתהלה רבי משה האלפערין נ"י פון Blooming Realty וועלכע האבן ביידע מנדב געווען זייער צייט און געלט און זייערע עקוויפמענטס. אריבערברענגענדיג טראקטארן און הייב מאשינען, און אנדערע סארט כלי מלאכה כדי אויפצוהייבן די אלע פארבליבענע שטיינער און אויפצוגראבן די Drainages  דארט וואו עס איז געווארן פארשטאפט פון דעם שטורעם, און זיכער צו מאכן אז דער Drainage קען ווייטער פליסן, און גאסן ווערן נישט פארשוועמט, און עס קומען נישט צו נאך שאדנס, פאר פריוואטע יחידים, אזוי אז דער ווילעדזש לעבן זאל ווייטער קענען אנגיין גלאט און געשמירט און אומגעשטערט.

ברוך ה' אז אינדערפרי האט אלעס געקענט ווייטער אנגיין, די באסעס זענען געפארן און געקומען, און דער עולם איז געווען צופרידן צו זעהן א ווירקזאמער ווילעדזש ווירטשאפט וואס נעמט קעיר, און גיט זיך אפ מיט א געטריישאפט און איז בייהילפיג סיי וואו אימער עס איז שייך.

אזוי אויך האט די ווילעדזש רעגירונג גענומען חשבון פון אלע שאדנס וואס האבן פאסירט צו די ראודס און ביימער און פאוער ליניעס און אנדערע שאדנס וועלכע האבן זיך געמאכט פונ'ם שטורעם, און מען איז פארבינדן מיט דער קאונטי, סטעיט, און פעדעראלע אגענטורן זיכער צו מאכן, אז דער ווילעדזש זאל באקומען פון די ערוואָרטעטע געלטער פון פימא און פון אנדערע אגענטורן וועלכע זאלן באצאלן אלע שאדנס פונ'ם שטורעם בעזהשי"ת.









### אין נאָך אַ פּאָזיטיוו שטאַפּל פאר די אינטערעסן פון אַלע תושבי העיר:

# היימישע געהילפן צום מעיאר נאָמינירט אלס אפיציעלע ווילעדזש באַאַמטע

מיט אינטערעסע און הנאה האָט מען אויפגענומען די גינסטיגע אַנטוויקלונגען, ווען ביי אַ לעצטיגע פּובליק הירינג, האָט דער ווילעדזש באָורד באַשטימט אַז די געטרייע שלוחי הציבור ועסקני העיר, וועלכע האָבן ביז היינט געדינט אַלס געהילפן צום מעיאָר, זאלן פּערמאַנענט באַשטימט ווערן אַלס ווילעדזש אַרבעטער פאר אַ מינימאַלע געהאַלט, וואָס וועט ערלויבן אַז זיי זאָלן האָבן פולקאָמע צוטריט צו די ווילעדזש דעטאַלן און דאָקומענטן אויף אַ טאָג טעגליכן פאַרנעם.



דאָס קומט נאָכדעם וואָס זינט עס איז ב"ה ארייגעוועלט געוואָרן די נייע סימפּאַטישע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע האָט דער מעיאָר אויפגענומען הני צנתרי דדהבי, הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו אינאיינעם מיט הר"ר יואל שטערן הי"ו, וועלכע זאָלן אים באַגלייטן אלס שטאַב מיטגלידער. די געטרייע אישי הציבור געפינען זיך טאָג טעגליך אין ווילעדזש האָל וואו מען רוימט אויף די שאָדנס וואס זענען אפגעטוהן געווארן אין דער פארגאנגענהייט דורך די פריערדיגע אדמיניסטראציעס, און מען בויעט אויף דעם ווילעדזש עס זאל דינען לטובת בני העיר, און לטובת אחינו בני ישראל פאר דעם לאנג טערמיניגן עתיד.

אָבער דאָס האָט געפירט צו אַ פלייץ פון מסירות דורך פיינטליכע שכינים וועלכע האָבן נאָכאַנאַנד אַריינגעגעבן קאמפלעינס צו דער קאונטי און צו דער סטעיט רעגירונג, אז די וועלכע זענען בלויז אויף א וואלונטיר פאזיציע האבן צוטריט צו די געהיימע קאנפידענשעל אינפארמאציע פון דער ווילעדזש רעגירונג, וואס דאס איז נישט ערלויבט לויט'ן געזעץ.

נאך לענגערע בעראטונגען מיט געניטע אדוואקאטן, און נאך פארצויגענע געפעכטן מיט דער אראנדזש קאונטי דעפארטמענט אויף 'היומען סערוויסעס', איז אָנגעוויזן געוואָרן אַז די איינציגע מיטל צו פארשטימען די טענות איז דורך איינשטעלן א סיסטעם, אז די צוויי וואלונטיר פאזיציעס זאלן ווערן איינגעטוישט אלס פערמאַנענטע באצאלטע פאזיציעס, ווי דאָס געזעץ לויטעט אז כדי צו האבן צוטריט צו די אלע אינפארמאציע מוזן די פאזיציעס זיין אפיציעלע פאזיציעס וועלכע האבן א מינימאלער חשבון פון שעות א וואך, און ווערן באצאלט פאר די אלע שעות מיט מינימום וועידזש, וואָס איז אַ חשבון פון 300 דאלאר וועכנטליך.

די אויפנאַמע פון די עסקני העיר אויף זייערע אפיציעלע פאזיציעס וועט בעז"ה דינען דעם געוואונטשענעם ציל ס'זאָל שוין נישט זיין קיין שום אויסרייד פאר דרויסנדיגע העצערס וועלכע פרובירן צו שטערן זייער אַרבעט לטובת הכלל והפרט. היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל.


# איר קויפט ריעל עסטעיט אין בלומינגראוו? עס איז אויף אייער אייגענע אחריות!

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Ekstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Hershel Lowy**
*Board Secretary*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Chaim Gluck**
**Sendy Stern**
**Meilech Hiller**
**Shia Bitman**
**Shmiel Burich Kohn**
**Shmaya Spitzer**
*Board members*

## כִּי עַתָּה הִרְחִיב ה׳ לָנוּ וּפָרִינוּ בָאָרֶץ!

בעמדינו אחרי שזכינו בסייעתא דשמיא מרובה שע״י השתדלות מרובה

# לחוקק חקים ע״י הווילעדזש למען שנוכל להרחיב גבולי הקדושה בקרב עירינו

לעת כזאת מחובותינו להגיד לאדם ישרו ולחקוק בעט ברזל ועופרת תודתינו העמוקות, **הכרת הטובה ואיחולי תודה לכל אלו אחים לדעה תושבי שכונתינו, שעמדו לימינינו בעוז ותעצומות,** ועמלו בלי ליאות איש על מחנהו ואיש על דגלו למען הצלחת העיר **למען כבוד שמו יתברך ולמען עתיד שכונתינו מיד ולדורות,** אשר הודות למסירתם ועבודתם הנפלאה זכינו לראות פרי עמלם בהצלחה המופלאה לשם ולתפארת.

## הגיע זמן לומר שירה!

נשגר איחולי צלח ורכב להני מטיבי לכת, קרואי מועד אנשי שם, הני צנתרי דדהבא,
העומדים לשירות הציבור בנאמנות ובמסירות הני אנשי המעש ברוב אונים, שמם מפארים, בהילולים
ותוארים עושים ומעשים שהיו לנו לעצה ותושי' במשך כל הזמן בפעולות והשתדלות מרובה

שר ונזר השתדלנים, לפני מלכים ורוזנים יתייצב

הרה״ח מוה״ר **משה דוד ניעדערמאן** שליט״א

עקזעקטיוו דירעקטאר יו.זשעי.או.

**שהשמיע דברים נרגשים למען החוק ודברים היוצאים**
**מן הלב נכנסים אל הלב, והשפיע על כל הנאספים**

הרה״ח מוה״ר **אהרן בנציון ווידער** הי״ו

**ראקלענד קאונטי לעגיסלעיטאר**

הרב **ירוחם זילבער** הי״ו ואתו עמו
מוה״ר **שרגא גרינוואלד** הי״ו
אגודת ישראל

**אשריכם גבורי החיל כל העוסקים והמסייעים בעזר ותושי',**
**בדעת ובמעש, עד להפליא! שכרם הרבה מאוד על פי פעלם!**

**זכיתם אתם להרים קרן שכונתינו המעטירה**
**והודות לפעולתכם הגיענו עד הלום!**
**חבלים נפלו לכם בנעימים אף נחלת שפרה עליכם!**

יברכו כולם מלפני אבינו שבשמים ויעמדו על הברכה בשובע שמחות והשפעות טובות,
להוושע בדבר ישועה ורחמים וימלא ה' כל משאלות לבם לטובה עדי נזכה לבנין ציון וירושלים, בב״א.

# היסטאָרישער טויש אין לאָקאַלע זאָונינג געזעץ אפיציעל באַשטעטיגט און דורכגעפירט

**נייע "זאונינג" געזעץ, ערלויבט אַ פולקאָמע ערלויבעניש צו קענען בויען, איבערבויען און רענאָווירן גרעסערע און קלענערע בתי מדרשים (האוזעס אָוו וואָרשיפ) צום באַנוץ פון אידישע איינוואוינער ▪ טויש אינעם געזעץ ערלויבט אויך פאר יעדן הויז אייגנטומער צו אַרויסבויען אן "עקסטענטשאן" אָן דעם וואָס מען זאָל זיין געצווינגען צו זיצן מיט די פלענס ביים פלענינג באָורד פאר לאַנגע חדשים און יאָרן ▪ פּאָזיטיווע טויש וועט בעז"ה ערמעגליכן אַז בלומינגראווער איינוואוינער זאלן קענען פאַרברייטערן אָדער אַרויסבויען די הייזער אויף אַ לייכטן און גרינגען פאַרנעם, לויט די פאַרלאַנגטע "סטעיט רעקווייערמענטס" וואָס איז אָנגענומען אין די גאַנצע אומגעגנט**

דעם פארגאנגענעם יולי 29 איז פארגעקומען דער גרויסער לאנג ערווארטעטער מיטינג איבער טוישן דעם לאקאלן געזעץ צו קענען ערלויבן דאס בויען געבעט הייזער דא אין דער ווילעדזש פון סאוט בלומינגראוו. אזוי אויך איז אריינגעלייגט געווארן אין געזעץ גאר וויכטיגע לאנג ערווארטעטע טוישונגען וואס וועלן העלפן אז די איינוואוינער זאלן זיך קענען צובויען עקסטענשאנ'ס צו די הייזער, און וועלן אוועקנעמען די אלע שטרויכלונגען וועלכע זענען געווארן איינגעשטעלט און איז געווען אריינגעלייגט מיט כיטערע ערמה כדי צו איינצוימען און אונטערדריקן דעם היימישן ציבור במשך די פארגאנגענע יארן. אבער יעצט האט מען עס ענדליך געקענט אראפנעמען.

ווי ערווארטעט זענען געקומען צו דעם מיטינג א גרויסער ציבור סיי אידן, און סיי להבדיל פיינטליכע עלעמענטן וועלכע זענען געקומען גרייט צו פראטעסטירן און שטערן אדורכצופירן דעם געזעץ. די עסקנים האבן פון פריער זיך גוט אנגעגרייט פאר דער מיטינג, מען האט געלאזט רופן גרויסע פערזענליכקייטן אנגעהויבן פון הרה"ח רבי משה דוד נידערמאן הי"ו, דער דירעקטאר פון יו. דזשעי. או. אין וויליאמסבורג, הר"ר אהרן בן ציון ווידער הי"ו ראקלענד קאונטי לעגיסלאטור, הר"ר ירוחם זילבער הי"ו און הרב שרגא גרינוואלד הי"ו פון אגודת ישראל, וועלכע זענען גאר שטארק אינסטרומענטאל




די ערענסטע שטימונג אין זאל בשעת די אויפטריט פון הרה"ח ר' משה דוד ניעדערמאן שליט"א

פון הינטער די קוליסן, מיט לאביאינג און פאליטישע מאכט, ארויסצוהעלפן דא דעם ציבור אין בלומינגראוו, לגבי פארשידענע ענינים למען הכלל והפרט.

דער אויבנאן איז געווען פוהל מיט חשוב'ע עסקנים און אינגעלייט, אזוי אויך האבן זיך משתתף געווען פילע אישי הציבור. ביי דער מיטינג האָט מען געהערט טרעפליכע ווערטער פון הר"ר אהרן בן ציון ווידער הי"ו וועלכער האט אויסגעלויבט דעם נייעם געזעץ.

אַזוי אויך האָט דער באַרימטער שתדלן הרה"ח רבי משה דוד נידערמאן הי"ו, מיט גאר עמאציאנעלע און הארציגע און טרעפליכע דיבורים אדרעסירט דעם מעיאר און דעם ווילעדזש

באָורד. ווירקליך האָבן זיינע ווערטער איבערגעלאָזט אַ געוואַלדיגן השפעה ווי מען האט גלייך געקענט באמערקן אין זאל, אז נאָך זיין רעדע ווי דער פנים פון די אלע קעגנער איז איינגעפאלן, און ווי א באלאן וואס פארלירט לופט, איז דער גאנצער קעגנערישער מחנה געווארן שטארק דעמאראליזירט, און פילע פון די העצער האבן זיך גלייך אויפגעהויבן און פארלאזט דעם זאל.

דער מיטינג האט געדויערט קרוב צו א שעה, און בשעה טובה ומוצלחת בחסדי ה׳, האט מען באַלד דערנאָך, מיט אן איבערוויגנדע מערהייט באשטעטיגט דעם היסטארישן געזעץ לטובת העיר, צו די הילכיגע אפלאדיסמענטן פון די ארומיגע אין זאל, און מיט א שבח והודיה צו השי״ת, אַז מען איז ענדליך אנגעקומען צו דעם מאמענט, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה.

דאן איז דער עולם זיך צעגאנגען מיט געהויבענע געמיטער, און מיט אן הודאה על העבר ובקשה על העתיד, עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך ה׳ אלקינו, ואל תטשנו ה׳ אלקינו לנצח, ווען בלויז דעם קומענדיגן אינדערפרי האָט זיך שוין אנגעהויבן די הרחבת גבולי הקדושה ביי בתי מדרשים, צווישן אנדערן ביי 13 דאלעס, וואס דארטן האט זיך אנגעהויבן תחלת הקדושה אין בלומינגראוו, און אַצינד האָט מען שוין צעווארפן דעם אלטן בנין מאכנדיג גרייט דעם באדן אויפצובויען דעם



**אין א מיטינג מיט די פירער פון אגודת ישראל אין שטוב פון דעפיוטי מעיאר הרה״ח ר׳ אברהם משה הכהן ווייס שליט״א**

נייעם בית מקדש מעט פון בית המדרש אמרי פנחס קאָריץ, לשם ולתפארת ולתהלה. ווי אויך האט מען אנגעהויבן גלייך דעם אנדערן טאג צו בויען דעם פארקינג לאַט פאָרנט פון בית המדרש צאַנז זמיגראַד, להרחבת המתפללים.

אין די יעצטיגע טעג קומען אריין פילע אפליקאציעס אין אלע הינזיכטן אין אלע סארט הרחבת גבולי הקדושה, וכה יתן ה׳ וכה יוסיף להרבות חיל ולהגדיל תורה ולהאדירה.

# העפטיגע שתדלנות מיט האפענונג אַז גאווערנאר האקעל זאל וועטאאירן אומ׳יושר׳דיגע טעקס פרעזערוועישן ביל

ווי שוין געמאָלדן צווישן די בלעטער פון דער ״שטימע״ אין די פאַרלאָפענע חדשים, איז מיט אַ צייט צוריק באַשטעטיגט געוואָרן דער טרויעריג באַרימטער ״טעקס פרעזערוועישאן געזעץ״, וואס דער טאון האט בעקיפין אריינגעשטופט צווישן די שפאלטן, און זיכער געמאכט אז די זאך זאל אדורכגיין אין דעם סטעיט סענאט און אין דעם אסמעבלי און איז שוין אפילו געשיקט געווארן צום גאווערנאר׳ס טיש פאר זיין אונטערשריפט.

אין יענער צייט האט מען זיך באנוצט מיט לאביאינג מיטלען און עסקנות פון גאר בארימטע ארגאניזאציעס ובתוכם ״אגודת ישראל״ וועלכע האבן גע׳שתדל׳ט ביים דעמאלטיגן גאווערנאר קאומאו, ער זאל וועטאאירן דעם ביל, וואס ווי פארשטענדליך איז עס נישט צושטאנד געקומען נאך די סקאנדאלן אין וועלכע דער געוועזענער גאווערנאר איז געווארן פארמישט.

אַצינד, מיט דעם טויש אין דער סטעיט אַדמיניסטראַציע האָט די נייע גאווערנאר האַקעל, וועלכע פלאנירט אנצוהויבן צו קאמפיינען אין די קומענדיגע חדשים כדי צו לויפן פאר דעם קומענדיגן טערמין, זיך פאַרשטענדיגט מיט די עסקני העיר, מיט אן אפפער אז זי וויל זעהן א ליסטע פון פריאריטעטן פון זאכן וואס פאראינטערעסירן די אידישע געמיינדע. פאַרשטענדליך אַז איינס פון די פריאריטעטן וואס מען האט באַלד ארויסגעשטעלט איז געווען, אז די גאווערנאר זאל וועטאאירן דעם טעקס פרעזערוועישאן ביל.

דאָס ווערט נאָכגעפאָלגט אויך מיט אַנדערע שתדלנות פון מערערע ריכטונגען, ווען איבער אַלעם ווייסן מיר דאך אַז לב מלכים ושרים ביד ה׳, און מיר קוקן ארויס און האפן, אז חפץ ה׳ בידינו יצליח, אז די גאווערנאר זאל בעזהשי״ת וועטאאירן דעם ביל וואס דאס וועט זיין א געוואלדיגער הצלת ממון ישראל.

**United Jewish Community**
**of Blooming Grove**
Est. 2019

# United Jewish Community of Blooming Grove

*Mailing address:* PO Box 808 Monroe, NY 10949 • *Hotline:* 845-237-4828 • *Email:* Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Ekstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Hershel Lowy**
*Board Secretary*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Chaim Gluck**
**Sendy Stern**
**Meilech Hiller**
**Shia Bitman**
**Shmiel Burich Kohn**
**Shmaya Spitzer**
*Board members*

## וויכטיגע אפדעיט און מעלדונג

דערמיט טוען מיר מודיע זיין פאר אלע איינוואוינער, אז לויט די גרונד - שטאַטוטן
פון דער "יו. דזשעי. סי." פאַראיין וועט בעז"ה אָפּגעהאַלטן ווערן די יערליכע

# יו.דזשעי.סי. באורד וואַלן

**צו ערוועלן "באורד מיטגלידער" וועלכע זאלן יושר'דיג און גלייך פארטרעטן**
**דעם ציבור אינערהאלב דעם באורד דורכאויס דאס גאנצע יאר**

וואס וועט פארקומען די יערליכע

# ליל שישי פרשת וירא

## הבעל"ט

ומכאן הקריאה יוצאת, צו אישי הציבור מיט ענערגיע, **אידן וואס האָבן אַ האַרץ צו עסקנות פאַר'ן ציבור, וועלכע ווילן ארויסשטעלן זייער קאנדידאטור אויפ'ן שטים צעטל צו זיין א טייל פונעם באורד**, אלס דער פאָרשטייער פון זייער ביהמ"ד, קהלה, אָדער שכונה

**זאלן ביטע איבערגעבן זייער נאמען פאר דעם ספעציעל באַשטימטן קאָמיטע אויפ'ן נומער 845.237.4828 #0**

**און איבערגעבן זייער גרייטקייט צו זיין אויפ'ן שטים צעטל צו פאַרטרעטן אייער בית המדרש אדער געגנט! אזוי אויך קען מען איבערגעבן סיי וועלכע הערות און הצעות, אנבלאנגט די בעפארשטייענדע באורד וואלן**

אין די יעצטיגע טעג איז "יו. דזשעי. סי." טעטיג צו פאַרענדיגן ענדגילטיג די פונקטליכע צוגאַנג וויאַזוי אַוועקצושטעלן די וואלן, עס זאָל זיין מיט די גרעסטע מאָס ישרות וואָס מעגליך, מיט רעפּרעזענטאַטן פון יעדע קהלה, און יעדע שכונה, עס זאָל זיין אַ דבר נאה ומתקבל פאַר די הונדערטער תושבי השכונה.

מער דעטאלן וועלן נאכפאלגן באלד נאך יום טוב אי"ה. ובשם ה' נעשה ונצליח.

בברכת שמחת יום טוב, ובכבוד רב

**United Jewish Community of Blooming Grove**

**שלש שנים הוי חזקה**

**והחוט המשולש לא במהרה ינתק**

הֱיֵה עִם פִּיפִיּוֹת שְׁלוּחֵי עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל

# יערליכע וויכטיגע וואלן פאר פאזיציעס אין דער "יו. דזשעי. סי." וועט אפגעהאַלטן ווערן קומענדיגן ליל שישי וירא הבעל"ט

אַ קורצע צייט נאָך יום טוב, דעם קומענדיגן ליל שישי דאנערשטאג פרשת וירא הבעל"ט, וועט אָפּגעראָכטן ווערן גאר וויכטיגע יערליכע יו. דזשעי. סי. וואלן, צו ערוועלן אחריות'דיגע און ארנטליכע און איבערגעגעבענע שלוחי ציבור, וועלכע זאלן פארטרעטן יושר'דיג דעם ציבור תושבי העיר.

ווי אַלע האַלטן עס מיט איז די שיינע הצלחה פון אונזער שטאָט צו פאַרדאַנקן דעם פאַקטאָר אַז אַלעס ווערט געפירט מיט'ן כח הרבים, וואָס שטעלט אַרויס זייערע פאַרטרעטער אין דעם ציבור'ישן באָורד פון דער "יו.דזשעי.סי." וואָס על פיהם יבאו ועל פיהם יצאו, און דאס האלט אן דאס ישרות און אויסגעהאלטנקייט אין דער שטאט מיט דעם ריכטיגן אָפּדרוק אַז מען האַנדלט פון אן אחריות'דיגע ציבור'ישער אונטערנעמונג, אָן דעם וואָס קיין שום יחיד זאָל מאַכן באַשלוסן, נאר אדרבה דער ציבור איז בעל הבית.

איז טאַקע וויכטיג אַז תושבי עירינו זאָל זיך באַטייליגן אין די וואַלן צו אויסקלויבן זייערע פאַרטרעטער אויפ'ן קומענדיגן יאָר. דאָס זעלבע אויב איז פאַרהאַן אינגעלייט וועלכע שפּירן אַז זיי האָבן דעם רצון צו אויפטון פאַר'ן ציבור, זאָלן זיי זעלבסט לויפן פאַר פּאָזיציעס צו באַדינען דעם כלל, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק.

אַריינגייענדיג אינעם דריטן יאָר פון "יו. דזשעי. סי." זאָגט זיך ריכטיג דער "והחוט המשולש לא במהרה ינתק", מיט אַזאַ געוואונטשענעם סיסטעם פון כח הרבים, וואָס פאַרזיכערט ב"ה אַז די פאַראיין זאל אָנהאַלטן איר ערנסטע און אחריות'דיגע כאַראַקטער, כה יתן ה' וכה יוסיף.

# ווילעדזש האָל ווערט אויסגעשטאטעט מיט גאר סאָפיסטיקירטע רעקארדירונג און סורוועילענס אַפּאַראַטן

דעם פארגאנגענעם יולי, אין בעפארברייטונג צו דעם גרויסן היסטארישן מיטינג איבער באשטעטיגן דעם האו"ז או"ו ווארשי"פ געזעץ, איז איינגעשטעלט געווארן אין ווילעדזש האל גאר סאפיסטיקירטע קאמעראס וועלכע זאלן קענען אפכאפן און מיטהאלטן אלע געשעהענישן סיי אין ווידעאו און סיי אין אודיאו, כדי מען זאל אויף אלעם קענען צוריקגיין און אויסהערן און איבערקוקן. ווי אויך פאר דער צוקונפט אויב עס פעלט זיך אויס אפצוהאלטן א zoom מיטינג, זאל דער עולם קענען מיטהאלטן מיט א קלארקייט.

אין די יעצטיגע טעג ווערט דער גאנצער ווילעדזש האל, פון א זיכערהייט שטאנדפונקט אויסגעשטאטעט מיט העכסט סאפיסטיקירטע סורוועילענ"ס קאמעראס, צוגעשטעלט דורך דער פירמע פון דעם אלעמען באקאנטן עסקן ואיש המעש רבי אורי דייטש נ"י וואס דאס וועט היבש פארבעסערן די זיכערהייט סטאטוס פון ווילעדזש האל, אז דער עולם זאל זיך שפירן מער פארזיכערט בעזהשי"ת.

# מעיאר געהילפן שטאטן אפ א באזוך ביי סענאטאר סקופיס מיט גוטע רעזולטאטן

דעם פארגאנגענעם דינסטאג פרשת נצבים, האבן דעם מעיאר'ס געהילפן אפגעשטאט א באזוך ביי סטעיט סענטאר סקופיס, כדי צו רעדן מיט אים איבער די גרענטס געלטער וועלכע ווערן יעצט אויסגעטיילט דורך דער סטעיט רעגירונג.

דער סענאטאר האט אויסגעדריקט א שטארקע התפעלות, איבער די אקטיוויטעטן און פעולות וועלכע ווערן געטוהן אין דער ווילעדזש או"ו סאוט בלומיגראוו, ווי ער איז גרייט אזוי ווי שטענדיג זיך צו צושטעלן, און ארויסהעלפן מיט וואס נאר מעגליך.

ביי דער זיצונג האט מען בעזהשי"ת פארזיכערט דעם פאנטאסטישן סכום פון הונדערט טויזנט דאלאר, וואס איז ערלעדיגט געווארן דורכ'ן סענאטאר, וואס דאס וועט גיין פאר דער "סטריט לייטס" פראיעקט, כדי אז דער ווילעדזש זאל עס נישט דארפן נעמען פון שטייערצאלער געלטער, און מען וועט נישט דארפן הייבן קיין שטייערן אדער סיי וועלכע אנדערע אויסגאבן.

דעם מעיאר'ס געהילפן וועלכע זענען שטענדיג אין נאנטע פארבינדונג מיט'ן סענאטאר האבן זיך גאר שטארק באדאנקט פאר אים אין נאמען פון דער גאנצער געמיינדע, און מען האט ווייטער אויסגעדריקט שטענדיגע גרייטקייט צו ארבעטן אינאיינעם און זיך ארויסהעלפן איינער דעם צווייטן ווי ווייט מעגליך.

# נייער און פארבעסערטער פאון סיסטעם איינגעשטעלט געווארן אין דער ווילעדזש כדי צו קענען בעסער באהאנדלען די געברויכן פונ'ם ציבור ארייינרופער

אין די יעצטיגע טעג ווערט איינגעשטעלט אין דער ווילעדזש א נייער פאון סיסטעם, וואס איז נאך א רינגעלע אין דער גרויסער קייט פון פארשריט וואס ווערט געטוהן צו פארבעסערן די סערוויסעס פונ'ם ווילעדזש. וואס דאס רעכנט אריין איבערמאכן דעם וועבסייט און אזוי אויך אלע אנדערע סערוויסעס וועלכע ווערן צוגעשטעלט.



דער נייער סיסטעם וועט קאסטן מיט א שיינע פאר הונדערט דאלאר ביליגער ווי דער ביז איצטיגער אלטמאדישער סיסטעם, און עס וועט האבן פיל מער בויגזאמקייטן [פלעקסיבליטי"ס] און מעגליכקייטן [פיטשער"ס], צוגעשטעלט פאר די באקוועמליכקייט פונ'ם ציבור.

ווי אויך ווערט דער ווילעדזש גאר שטארק פארגעשריטן ווען עס קומט צו עמערדזשענסי פעלער, ווי אין א פאל פון א "וואסער מעין ברעיק", וואס עס איז אויסגעארבעט געווארן אז דער טעלעפאן רוף זאל אנקומען וואס שנעלער צום נויטיגן אדרעס, צו דער ספעציפישער אגענטור צו וועמען מען דארף זיך פארבינדן, כדי אז די זאכן זאל קענען ערלעדיגט ווערן אויף פיל א שנעלערן פארנעם, אן די אלע בירוקראטיע און שפעטיגונגען צו וועלכע דער עולם איז געווען צוגעוואוינט ביז אהער.

אין די קומענדיגע פאר טעג וועט דער נייער פאון סיסטעם זיין פולשטענדיג אין באנוץ און זיין גרייט צו באדינען דעם ברייטן ציבור.




מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

שרייבט צו דער רעדאַקציע:

**Mail@Shtima.com**

### לכבוד דער שטימע

עס דארף ארויסגעברענגט ווערן די מורא'דיגע הצלחה און סייעתא דשמיא, וואס מיר האבן זוכה געווען ביי דעם אלעמען באקאנטן היסטארישן מיטינג פון דאנערשטאג פרשת עקב למס' יולי 29, ווען עס איז באשטעטיגט געווארן דער ענדגילטיגער געזעץ אז מען זאל קענען בויען און מרחיב זיין גבולי הקדושה צו בויען בתי מדרשים און רעליגיעזע בנינים, פאר'ן רעליגיעזן באנוץ.

אין אמת'ן אריין, האט שוין כמה פעמים געדארפט פארקומען דער לאנג ערווארטעטער מיטינג, אבער עס איז כסדר געווארן גערוקט פון איין דאטום צום צווייטן, און למעשה איז עס פארגעקומען אין יענעם דאנערשטאג. און ווי מיר ווייסן דאך איז דאך נישטא קיין מקרה אויף דער וועלט, האב איך געטראכט אז עס האט א סיבה פארוואס עס איז אויסגעקומען צו זיין יענעם דאנערשטאג ביינאכט, און אזוי אויך אויסגעקומען אין א שפעטערער זייגער ווי געווענליך, שוין נאך אכט אזייגער.

איך קען זאגן, אז איידער איך בין צוגעגאנגען צו דעם מיטינג, בין איך געווען מלא התרגשות, אז נאך אזויפיל פלאגענישן און עגמת נפש, איז מען אנגעקומען צו דעם הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, אז ממש מיט די אינטערשריפטן וואס מען גייט אונטערשרייבן אין דער דאזיגער נאכט, וועט מען בעזהשי"ת דא קענען פאר לאנגע יארן מרחיב זיין גבולי הקדושה, און אידישע קינדער וועלן קענען דאווענען אין שוהלן און לערנען אין תלמוד תורה'ס און אין בתי חינוך און ישיבות.

דורכאויס די התרגשות'דיגע געפילן צו צו גיין צו דעם מיטינג, איז מיר איינגעפאלן, אז דער מיטינג איז אויסגעקומען אויף יולי 29 וואס שרייבט זיך אויף גוי'איש 7-29 און מיר ווייסן דאך, אז איינס פון די כוונות וואס דער בעל תוקע דארף אינזין האבן ביי תקיעת שופר איז קר"ע שט"ן וואס איז אויך בגימ' 729 און עס איז מיר דאן אריין אין קאפ, ווי דער שטן האט זיך דא פארלייגט, און ברוך ה' מן השמים האט מען געפירט אז דער מיטינג זאל אויסקומען אויף 7-29 וואס איז די גימטריא פון קר"ע שט"ן וואס מיט דעם וואס מען האט אדורכגעפירט דעם געזעץ איז עס געווען א קר"ע שט"ן בפועל ממש ברוך ה', כה יתן ה' וכה יוסיף.

נאך האב איך געטראכט אז נאכ'ן סקעדזשועלן דעם מיטינג האט זיך אפגערוקט דער מיטינג אויף אכט אזייגער וואס איז א בחינה פון בטל יומא בטל דינא, אז אזוי ווי דער טאג איז אריבער מען האלט שוין ביי דער שקיעה איז בטל דער טאג, וואס דעמאלס ווערט דער ס"מ אפגעשוואכט און עס איז שולט רחמים, פון דעם אלעם זעהט מען אז עס איז גארנישט דא קיין מקרה און קיין פערצופאל, נאר אלעס קומט מן השמים און השי"ת זאל העלפן די געוואלדיגע הצלחה וואס באגלייט זאל ווייטער באגלייטן ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

**הק' אברהם משה הכהן ווייס**

דעפיוטי מעיאר אוו סאוט בלומינגראוו

* * *

# וואקסינאציע אווענט אפגעהאלטן ספעציעל פאר בלומינגראווער איינוואוינער

דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת נצבים איז פארגעקומען א וואקסינאציע אווענט, צוגעשטעלט דורך דעם ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו, פריי פון אפצאל ספעציעל פאר ווילעדזש איינוואוינער.

אין אַ צייט ווען די רעגירונג האָט אָנגעהויבן לייגן גרעסערע באַמיאונגען אַז מענטשן זאָלן זיך וואקסינירן, וואָס פירט דערצו אַז אומוואקסינירטע קענען זיך אָנשטויסן מיט פּראָבלעמען ביים פליען אָדער ביים אַריינגיין אין גרעסערע געשעפטן א.ד.ג. איז ערלעדיגט געוואָרן ביי דער אראנדזש קאונטי דעפארטמענט אוו העלטה, אז זיי זאלן צושטעלן ספעציעל פאר דעם ווילעדזש, א וואקסינאציע אווענט, ווי די איינוואוינער זאל קענען באקומען דעם קאוויד 19 וואַקסין פון די מאדערנא פירמע, פריי פון אפצאל.

דער אווענט איז דורכגעפירט געוואָרן מיט א געוואלדיגע געניטשאפט און פונקטליכקייט. עס זענען דערביי אנוועזענד געווען דער קאונטי עקזעקוטיוו, סטיוו ניוהאוז. סטעיט סענאטאר דזשעימס קופעס. קאונטי לעגיסלאטור קעיטי בענעלי. דער קאמישאנער פון דזשענעראל סערוויסעס, מר. דזשים בערקאו, און דער אנפירער פון אראנדזש קאונטי אפיס אוו עמערדזשענסי מענעדזשמענט.




דער אווענט איז צושטאנד געקומען דורכ'ן מעיאר'ס אָפיס אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער אראנדזש קאונטי דעפארטמענט אוו העלטה. זאל ביי דער געלעגנהייט באַגריסט ווערן די נייע בעלי בתים פון דעם שוין איצטיגן אידישען "סליפ האָטעל", הר"ר לוי יצחק שווארץ הי"ו און הר"ר יוסף יוזפא לאנדא הי"ו, וועלכע האבן צוגעשטעלט דעם האטעל קאנפערענץ רום פאר דעם אווענט, תשואות חן חן להם.

# אָנדענק צערעמאָניע אפּגעהאַלטן צו אפּצייכענען צוואנציגסטן יאר פון דער 9-11 טראגעדיע

פארגאנגענעם זונטאג פרשת וילך איז דאָ אין דער ווילעדזש אָפּגעראָכטן געוואָרן אן אָפיציעלע אנדענק צערעמאָניע, וואו ס'איז אָפּגעצייכנט געוואָרן די 20'סטער יאָרטאָג זינט די 9/11 טראַגעדיע.

עס איז געווען א גרויסער קידוש השם ווען אַ צאָל היימישע אינגעלייט האבן זיך משתתף געווען אפצוגעבן אן עהרע פאר די איינוואוינער פון דעם ווילעדזש וועלכע זענען דעמאלס אומגעקומען ביי דער טראגעדיע. זייענדיג מקיים דעם "דרשו את שלום העיר", דורך געדענקן די נישט אידישע איינוואוינער פון דעם ווילעזש וועלכע זענען געווען אויף דער סצענע, אַלס פייערלעשער און רעטונגס באַאַמטע און האָבן דאָרט ליידער פאַרלוירן זייערע לעבנס.






ביי דער צערעמאָניע איז אפּגעהאלטן געווארן א מאמענט פון שטילקייט צו באעהערן די אומגעקומענע, און מען האָט געהערט טרעפליכע ווערטער פון דעם מעיאר, וועלכער האָט באַטאָנט די לעקציע פון דער טראגעדיע, אז אלע בירגער דארפן זיך האלטן אינאיינעם, און אז האס און ראסע דיסקרימינאציע האט נישט קיין פלאץ ביי אונז אין דעם ווילעדזש.

עס איז דערביי אויך צוגעשטעלט געוואָרן לייכטע איבערבייס און קאלטע משקאות דורך ידידינו מו"ה יואל ראטה הי"ו, אייגנטומער פון דער באַרימטער "פעפערמינט" סופער מאַרקעט. תשואות חן חן לו.

# לעצט פארבליבענע מיטגלידערין פון געוועזענע "פלעינינג באָורד" רעזיגנירט פון פּאָזיציע

דעם פארגאנגענעם פרשת כי תצא איז אריינגעגעבן געווארן די רעזיגנאציע פון פרוי ראלין מאזעס בראודהעד, וועלכע איז געווען די לעצט פארבליבענע מיטגלידערין פון דער אלטער געווארדיע אויפ'ן "פלענינג באורד", און דערמיט ווערט ערגענצט אַ גענצליך פולקאָמע טויש אין דעם באָורד.

אין די קומענדיגע טעג וועט ווערן אויפגענומען א נאכפאלגער צו ערזעצן דעם זיץ פון פרוי בראודהעד.

מיר האפן און קוקן ארויס אויף אַ געמיינזאמע קאאפעראציע להרחבת גבולי הקדושה ולהגדיל תורה ולהאדירה, לטובת הכלל והפרט ברוחניות ובגשמיות.

# נעמט אין באטראכט, עס איז נישט דא קיין טויש אין די געזעץ

# "סעטבעקס" מיינט 20 פיס סיי פון די "רעכטע" און די "לינקע" זייט פונעם הויז, און 40 פיס פון "פארנט" און פון "הינטן"

## פאליציי עפנט אן אויספארשונג איבער די כוליגאנעס וועלכע האבן בארויבט קארס אין אונזער געגנט

דעם פארגאנגענעם דינסטאג פרשת כי תבוא איז פארגעקומען א שענדליכער פאל, ווען אויף אונזערע גאסן אין סאוט בלומינגראוו, האבן זיך ארומגעדרייט עטליכע כוליגאנעס, און פרובירט צו עפענען טירן פון קארס, ביז זיי האבן אנגעטראפן עטליכע קארס וועלכע האבן אפענע טירן, און עס בארויבט.

אזוי ווי אונזער געגענט איז ברוך ה' פריי פון פארברעכן און גניבות, זייענדיג אין גרויסן טייל באוואוינט דורך היימישע משפחות, דעריבער זענען דא געוויסע אידן וועלכע ערלויבן זיך צו לאזן זייער קאר'ס אפן, און אזוי ווי די קארס זענען געווען אפן, האבן די כוליגאנעס געהאט די מעגליכקייט ארויסצורויבן ווערטפולע חפצים סיי פון אידישע קאר'ס און סיי פון גוי'אישע קארס. אזוי אויך האבן זיי צוגערויבט א גרויסע סומע קעש געלט וואס זיי האבן געפונען אין איינע פון די קארס.

די כוליגאנעס זענען נישט פארטיג געווארן מיט זייער "ארבעט" דא אין סאוט בלומינגראוו, נאר זענען נאכדעם אריבערגעגאנגען צו די דערנעבנדע


Village of South Blooming Grove
3 mins

Dear Village Residents,

Last night there were multiple burglaries in the village where thieves attempted to open vehicles and remove the owner's personal belongings.

We are in touch with the owners and with the Police Department who are working on this, we will keep you posted as more details are available.

Please be extra vigilant, lock your cars and your homes, and of course, if you see any suspicious activity call 911 immediately.

If you See Something Say Something!

Stay safe!

Yours truly
George Kalaj
Mayor

Like Comment Share

ישובים אין דער טאון אוו בלומינגראוו, און אין וואשינגטאנוויל וואו זיי האבן דארט אויך אדורכגעפירט ענליכע גניבות אויסזוכנדיג קארס וועלכע זענען אפן. מען דארף געדענקען לאו עכברא גנב אלא חורא גנב, און נישט איבערלאזן קיין אפענע קארס.

אזוי אויך ווען מען זעהט עפעס פארדעכטיגטע מענטשן וועלכע באלאנגען נישט אהער און וואוינען נישט דא. זאל מען תיכף ומיד רופן די פאליציי: [אריינלייגן נומער].

דער ווילעדזש פירערשאפט, איז אין פארבינדונג מיט די פאליציי און ווי נאר עס וועלן זיין מער אנטוויקלונגען איבער דעם נושא, וועט עס ווערן געמאלדן פאר'ן ציבור, דערווייל קומט פאר א גרונטליכע אויספארשונג, ווי מען פארשט אויס דעם פאל און מען זוכט ארום די פארברעכער. מיר דארפן אלעמאל געדענקען, אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר.

ערב חג הסוכות תשפ״ב לפ״ק

## לְמַעַן נִצְחָ״ךְ • לְמַעַן פְּעוּלָתָ״ךְ

בזמן שמחתינו • יעלו ברכותינו • ועוצם הכרתינו • לכבוד ידידינו

למעלת כבוד ידידינו עוסק בצרכי ציבור באמונה לשם ולתהלה,
אהוב ונערץ עלינו ועל כל יודעיו ומכיריו, איש האשכולות, עושה גדולות, רב תבונות

# מוה"ר ישעי' הירש הי"ו

## ומנשים באהל תבורך נר״ב זוגתו החשובה

# די חשוב'ע מרת הירש תחי'

וואס האט זיך אוועקגעגעבן מיט א מורא'דיגע געטריישאפט פאר די

# באס דיספעטשינג

צום צופרידנהייט פון אלע תושבי העיר און באס דרייווערס

## טייערער משפחת הירש, מיר האָבן נישט קיין ווערטער!

שטייענדיג ערב דעם זמן שמחתינו, ווען אונזער שטאָט גרייט זיך דעם לעכטיגן יום טוב סוכות אָפּצורעכטן מיט אַזאַ פריילך און גליקליך געפיל וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אָפּשאַצן, ווילן מיר ארויסברענגען בכבוד הראוי אונזער אומבאשרייבליכע געפילן פון דאַנק און אַנערקענונג וואָס די גאַנצע שטאָט האָט פאַר אייך!

## פאַר'ן שטיין צו די הילף פון די גאנצע שטאט מיטן טראגן די קינדערלעך אין חדר און סקול, מיט א געטריישאפט!

כְּהוֹשַׁעְתָּ בְּצֵאתְךָ לְיֵשַׁע עַמָּךְ. כֵּן הוֹשַׁע נָא!

**אַזוי ווי איר האָט געהאַט די זכי' בפּועל ממש צו אויפרעכטן און אויפלייכטן אונזער גאַנצע שטאָט צו קענען לעבן און וואוינען מיט הרחבת הדעת – זאָל דער רבוש״ע אייך באַצאָלן טויזנט מאָל אַזויפיל, און אַריינשיקן צו אייך אין שטוב אַריין הרחבה און נחת, פּרנסה און מזל, אָן אַן ערך און אָן אַ שאַץ!**

אייערע גאָלדענע פּעולות, אייערע גוטע מעשים, זאָלן אַהיימקומען צוריק, דער נייער יאָר זאָל אייך ברענגען אַ קוואַל פון הצלחה, איר זאָלט קענען ווייטער אָנגיין מיט דיינע פעולות מתוך עונג וגם שמחה, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין נאָך דעם יום טוב סוכות אַרויפצוגיין צו אונזער אמת'דיגע שטאָט ירושלים עיה״ק, לישב בסוכת עורו של לויתן, בביאת משיח צדקינו, במהרה בימינו, אמן.

בברכת א פרייליכן יום טוב און אַ גוט קוויטל, ידידיכם הנאמנים, המעריצים ומוקירים עזרתכם בלונ״ח

## פאראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינגראוו
## בשם כל תושבי העיר הגדולה לאלקים

ערב חג הסוכות תשפ״ב לפ״ק

## לְמַעַן נִצְחָ״ךְ • לְמַעַן פְּעוּלָתָ״ךְ

בזמן שמחתינו • יעלו ברכותינו • ועוצם הכרתינו • לכבוד ידידינו

למעלת כבוד ידידינו עוסק בצרכי ציבור באמונה לשם ולתהלה,
אהוב ונערץ עלינו ועל כל יודעיו ומכיריו, איש האשכולות, עושה גדולות, רב תבונות

# מוה"ר נסים סאאל הי"ו

**הוא הגבר העומד על הפיקודים בכשרונותיו הברוכים**
**במסירת נאמנה, להטיב עם תושבי העיר**

# בסידור הבאסעס

**באופן יפה אף נעים, לשביעת רצון מאות המשפחות**

## טייערער ר' נסים שיחי', מיר האָבן נישט קיין ווערטער!

שטייענדיג ערב דעם זמן שמחתינו, ווען אונזער שטאָט גרייט זיך דעם לעכטיגן יום טוב סוכות אָפּצורעכטן מיט אַזאַ פרייליך און גליקליך געפיל וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אָפּשאַצן, ווילן מיר ארויסברענגען בכבוד הראוי אונזער **אומבאשרייבליכע געפילן פון דאַנק און אַנערקענונג וואָס די גאַנצע שטאָט האָט פאַר אייך!**

## פאַר'ן שטיין צו די הילף פון די גאנצע שטאט מיטן טראגן די קינדערלעך אין חדר און סקול, מיט א געטריישאפט!

כְּהוֹשַׁעְתָּ בְּצֵאתְךָ לְיֵשַׁע עַמָּךְ. כֵּן הוֹשַׁע נָא!

**אַזוי ווי איר האָט געהאַט די זכי' בפּועל ממש צו אויפרעכטן און אויפלייכטן אונזער גאַנצע שטאָט צו קענען לעבן און וואוינען מיט הרחבת הדעת – זאָל דער רבוש״ע אייך באַצאָלן טויזנט מאָל אַזויפיל, און אַריינשיקן צו אייך אין שטוב אַריין הרחבה און נחת, פּרנסה און מזל, אָן אַן ערך און אָן אַ שאַץ!**

אייערע גאָלדענע פּעולות, אייערע גוטע מעשים, זאָלן אַהיימקומען צוריק, דער נייער יאָר זאָל אייך ברענגען אַ קוואַל פון הצלחה, איר זאָלט קענען ווייטער אָנגיין מיט דיינע פעולות מתוך עונג וגם שמחה, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין נאָך דעם יום טוב סוכות אַרויפצוגיין צו אונזער אמת'דיגע שטאָט ירושלים עיה״ק, לישב בסוכת עורו של לויתן, בביאת משיח צדקינו, במהרה בימינו, אמן.

בברכת א פרייליכן יום טוב און אַ גוט קוויטל, ידידיכם הנאמנים, המעריצים ומוקירים עזרתכם בלונ״ח

## פאראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינגראוו
## בשם כל תושבי העיר הגדולה לאלקים

# וויכטיגע "פּעטיציע דרייוו" אונטערגענומען קעגן אומ'יושר'דיגע קאנטראקט צווישן "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" מיט "ארענדזש קאונטי טראנזיט באס קאָמפּאַני"

ס'איז פאר אַלעמען וואויל באַקאַנט די שלאבערישע און פארנאכלעסיגטע ארבעט, וואס ווערט פּראַקטיצירט דורך דער ארענדזש טראנזיט באס קאמפּאני, וואָס האָט צום באַדויערן נישט קיין אוזן קשבת פאר די געברויכן פון זייערע אידישע קליענטן, און די פירערשאפט פון דער פירמע לאכן פון דעם ציבור פרעכערהייט אין פנים, בכל עת מצוא, ביי יעדער קלייניגקייט, ווען עס איז נישטא די מינדעסטע אנערקענונג פאר די שטייער צאלער וועלכע באצאלן מיט זייער שטייערן פאר זייער באס קאמפּאני.

ליידער האט מען מיטגעמאכט אינעם עבר שווערע צייטן, סיי דורכאויס דעם גאנצן ווינטער וואס ווען עס איז געווען א שניי, און מען האָט אהיים געשיקט די קינדער אן אפילו די עלטערן פון פריער, אזוי אויך זענען קינדער איבערגעלאָזט געוואָרן אין פראסטיגע קעלטן פאר שעות לאנג אויפ'ן גאַס, און דאָס זעלבע האָט מען מיטגעהאַלטן פילע אנדערע האר אויפשטעלנדע געשיכטעס אין דעם ריכטונג.

דאָס זעלבע אויב האט זיך געדאַכט אפילו פאר א ספק ספיקא אז עס וועט זיין א שניי, האט מען אדער נישט געטראגן די קינדער אין חדר, אדער האט מען די קינדער נישט אויפגעפיקט פון חדר אן קיין שום הסבר און אן קיין שום אחריות. עס זענען געווען פעלער וואס מען האט געזעהן ווי דער באס קאמפּאני האט צוזאמגעשטעלט ראוטס שלא ביושר, איגנארירנדיג די פארשריפטן. און אין אַלגעמיין האבן זיי אינגאנצן אוועקגעקוקט פון דעם אפמאך וואס זיי האבן מיט'ן וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, איבער וועלכער סארט קאליבער סערוויס זיי דארפן צושטעלן, וואס זיי ווערן באצאלט דערפאר גאר טייער דורך דער וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, מיט די אפגעהארעוועטע טעקס געלטער פון אחינו בני ישראל.



WHITEMAN OSTERMAN & HANNA LLP | Attorneys at Law | www.woh.com

One Commerce Plaza
Albany, New York 12260
518.487.7600
518.487.7777 (fax)

Robert S. Rosborough IV
Partner
518.487.7608 phone
rrosborough@woh.com

September 10, 2021

**VIA EMAIL (**bharris@shawpereslon.com**)**

Ms. Beth L. Harris, Esq.
Shaw, Perelson, May & Lambert, LLP
21 Van Wagner Road
Poughkeepsie, New York 12063

*Re:* Nonpublic School Transportation Agreement with Orange County Transit, LLC

Dear Ms. Harris:

As you know, this firm represents the United Jewish Community Board of Blooming Grove ("UJC") and parents who send their children to nonpublic schools in the Village of Kiryas Joel using the transportation guaranteed under Education Law § 3635. I am writing to request that the Washingtonville Central School District (the "District") enforce its Transportation Contract with Orange County Transit, LLC ("OCT").

Under Education Law § 3635(1)(a), transportation must provided "for all children residing within the school district . . . attending grades kindergarten through eight who live more than two miles from the [nonpublic] school. . . and for all children attending grades nine through twelve who live more than three miles from the [nonpublic] school. . . up to a distance of fifteen miles." Accordingly, the District is obligated to provide transportation to and from school to District residents who attend nonpublic schools, such as the children of Mr. Joel Stern, Mr. Yitzchok Ekstein, and many other members of UJC, since they unquestionably live within the mileage requirements dictated under Education Law § 3635(1)(a).

The District has chosen to contract with OCT to provide the required transportation for some nonpublic school students. Throughout the first few days of the 2021-2022 school year, however, OCT has repeatedly violated the Transportation Contract between OCT and the District (the "Contract," attached as **Exhibit A**). In the Contract, OCT promised that: (1) OCT would convey the school children safely, (2) OCT would faithfully perform all duties and obligations in

אין צוגאָב צו די עוולות וואס ווערט אָפּגעטון האָט דער וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט זיך צוגעשטעלט און אנגעשטעלט א בלינדער אויג צו אלע מיסברויכן וואס זיי באגייען, ווען זיי האבן אומלעגאל איבערגעשריבן נאכאמאל דעם קאנטראקט אויף היי יאר, אן דעם וואס זיי זאלן האבן געקומען צו א זעקס חדשים'דיגער 'פערפארמענס רעוויו', צו זעהן אויב זיי האבן טאקע צוגעשטעלט די סערוויסעס אזוי ווי זיי האבן עס געברויכט צושטעלן, וואס געוועינלין ווערט פארלאנגט אז זיי זאלן זיך שטעלן צו א פארהער איבער דער קוואליטעט פון די סערוויס, איידער מען טוט נאכאמאל גרענטן אדער באנייען דעם קאנטראקט. וואס דאס מוז קומען נאך זעקס חדשים וואס די באסעס זענען שוין פארן.

אבער צום באַדויערן, האָט דאָס נישט פּאַסירט. דער וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט האט בשתיקה און אונטער'ן טיש ביי אן ענגער מיטינג, דעם פארגאנגענעם יאנואר, נאכאמאל געשאנקען דעם קאנטראקט פאר ארענדזש טראנזיט, כאטש עס איז נאך אפילו נישט אריבער קיין גאנצע דריי חדשים זינט ארענדזש טראנזיט האט באקומען דעם קאנטראקט פון וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט.

קומענדיגע זייט<<<

# ריכטער אורטיילט "פלימענערי אינדזשאנקשאן" אַז "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" זאָל צושטעלן טראנספארטאציע פאר אידישע שולעס אויך אין די טעג ווען "פובליק סקול" איז פארמאכט

ווי די הונדערטער עלטערן, תושבי עירינו האָבן עס מיטגעהאַלטן אויף דער אייגענער הויט, מוטשעט מען זיך שוין די פארלאפענע יארן מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט", וועלכע זוכן בכל עת מצוא צו אָפּהאַלטן טראַנספּאָרטאַציע פון אונזערע קינדער, און מיט יעדן אויסרייד וואָס מען קען נאר שטעלט מען נישט צו קיין טראנספארטאציע, טראצדעם וואס די איינוואוינער דא באצאלן שווערע אפגעהארעוועטע גאר הויכע שטייערן, פרובירן זיי אפצוהאלטן דאס וואס קומט זיך לעגיטים פאר די איינוואוינער, און עס נישט געבן.

נאָנט צו אַ יאָר צוריק האָט די "יו. דזשעי.סי." זיך אַריינגעוואָרפן מיט שתדלנות אז זיי זאלן כאטש באצאלן די טראנספארטאציע קאסטן פאר די טעג וואס דער חדר איז אפן און די גוי'אישע סקולס זענען נישט אפן. דאס איז דער אינמיטן ווינטער ריסעס, דער פריהלינג ריסעס, די קאנפערענץ טעג ענדע זומער, די גראדועישאן צייטן, און נאך עטליכע דאַטומס. בסך הכל רעדט מען פון בערך 20 טאג וואס דער פובליק סקול איז נישט אפן, אבער די ישיבות מיט די חדרים זענען יא אפן. וואס דאס רעכנט נישט אריין קיין לעגאלע האלידעיס, ווען מען איז אינגאנצן נישט בארעכטיגט פאר טראנספארטאציע.

מען האט זיך פרובירט צו בעטן פון אנהויב יאר מיט שיינעם, מיט'ן גרעסטן רעספעקט און דרך ארץ אז זיי זאלן זיך צושטעלן און יא געבן טראנספארטאציע, ווייל דער געזעץ לויטעט אז אויב איז דער אידישע סקול אפן, דאן כאטש דער פובליק סקול איז נישט אפן, דארף דער סקול דיסטריקט נאך אלץ צושטעלן טראנספארטאציע.

אין צוגאב צו דעם, האבן די יו. דזשעי. סי. עסקנים ארויסגעברענגט גאר א שטארקע טענה, אז די סקול דיסטריקט וועט נישט האבן קיין שאדן דערפון, וויבאלד די אידישע חדרים זענען פארמאכט במשך פון די טעג פון גאנץ פסח און שבועות, ראש השנה, יום כיפור, סוכות, פורים, תשעה באב, און אנדערע ימים טובים אָדער תעניתים דורכאויס דעם יאר, ווען דער פובליק סקול איז יא אפן אבער די אידישע קינדער גייען דאן נישט אין חדר, דעריבער קומט אויס אז זיי דארפן נישט ארויסנעמען קיין שום באזונדערע געלט פון טאש כדי צו דעקן די איבנדערמאנטע קאסטן. אַזוי אַרום אז אויסער דעם וואס זיי דארפן עס לעגאל געבן אפגעזעהן די קאסטן, קאסט עס למעשה פאר זיי נישט קיין באזונדער געלט, ווייל זיי קענען אויפטוישן די טעג וואס די גוים גייען נישט אין סקול מיט די טעג וואס להבדיל די אידישע קינדער גייען נישט אין חדר.

מען האט פרובירט איינמאל צו רעדן דעם פארגאנגענעם יאנואר, און דערנאָך אין פעברואַר, ווען מען האט געשיקט פראפעסיאנאלע אימעילס אז זיי זאלן זיך צושטעלן אָבער, אזוי ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז אַלעס געפאלן אויף טויבע אויערן. זיי האבן זיך פשוט און פראסט אויסגעלאכט פון די הארציגע בקשות און ביטעס פון דער יו. דזשעי. סי. אין נאמען פון אלע עלטערן.

פון פריערדיגע זייט <<<

מיר ווייסן דאך שוין דעם כלל פון "לא לחנם הלך הזרזיר אצל העורב אלא מפני שהוא מינו", ווען עס קומט צו אונטערדריקן דעם איד, און זיך נישט וויסנדיג מאכן פון אונזערע הצטרכיות, זענעןביידע פלוצלונג געווארן גוטע פריינד, און אינאיינעם טוען זיי אונז בא'עוולה'ען, דעריבער האבן זיך די עסקנים צוזאמגענומען און אנגעהויבן א פעטיציע דרייוו, צו דער וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, און צו דעם דיסטריקט אטוירני, אז מען זאל צווינגען דעם וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט אוועקצונעמען דעם קאנטראקט פון דער אראנדזש קאונטי טראנזיט קאמפאני.

ברוך ה', עס איז געווען גאר א ווארימער אפרוף ביים ציבור, און לעת עתה ווען מען גרייט צו די פעטיציעס און עפידעיוויטס פאר דעם קומענדיגן לאוסוט האלט מען שוין קרוב צו 800 חתימות פון די חשוב'ע עלטערן תושבי עירנו, וועלכע האבן זיך צוגעשטעלט צו דעם רוף, כדי אפצושטעלן דעם אומרעכט און די עוולות וועלכע ווערן באגאנגען טאג טעגליך מדי יום ביומו, קעגן די שטייער צאלער די חשוב'ע עלטערן פון די תינוקות של בית רבן.

עס איז ערווארטעט אז אין די קומענדיגע טעג וועט מען אריינגעבן א קלאגע קעגן דעם וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט מיט'ן ציל, אז זיי וועלן מוזן אוועקנעמען דעם קאנטראקט פון אראנדזש קאונטי טראנזיט באס קאמפאני, און עס איבערגעבן פאר א פארלעסליכער באס קאמפאני וועלכע וועט יא האבן אן אוזן קשבת און זיך צושטעלן צו די הצטרכיות און דעם ווילן פון די עלטערן, לטובת פון אונזערע קינדער, וחפץ ה' בידינו יצליח. פרטים יבואו.

נאכ'ן דריטן מאל שיקן א פארלאנג, אז זיי זאלן צושטעלן די טראנספארטאציע, האט מען זיי אנגעהויבן צו ווארענען, אז מיר זענען גרייט דאס צו נעמען אין געריכט, אויב וועט זיך עס אויספעלן, ווען זיי וועלן ווייטער איגנארירן אונזער לעגיטימער פארלאנג, וואס לויט'ן געזעץ דארפן זיי זיך צושטעלן.

ווען מען האט געזעהן פסח צייט, אז די זאך קומט נישט צו קיין עק, האבן זיך אריינגעלייגט די עסקנים פון יו. דזשעי. סי. בראש פון דעם אטוירני, און מען האט אנגעהויבן צו שרייבן א לאוסוט קעגן דער וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, אז זיי טוען בא'עוולה'ן און באקריוודען די שטייער צאלער פון זייערע רעכטן.

דער לאוסוט איז געווארן צוגעשיקט צו א ריכטער יעצט אין זומער סוף יולי, און נאכ'ן אדורכקוקן דעם קעיס האָט דער ריכטער זייער קלאר געמאכט, אז די יו. דזשעי. סי. און די אידישע געמיינדע האט א רעכט עס צו פאַרלאַנגען. וויבאלד עס איז שוין גאר נאנט צום נייעם סקול יאר, און אזוי ווי א געריכט קען זיך געווענליך ציהען עטליכע חדשים, ווי לאנג עס קומט ארויס דער ענדגילטער פסק. האט דער יו. דזשעי. סי. לויער גע'טענה'ט, אז מען דארף האבן א טי. אר. או., אַ 'טעמפארערי ריסטרעינינג ארדער', ווי לאנג מען טענה'ט זיך ארום אין געריכט, זאל דער ריכטער צווינגען דעם סקול דיסטריקט אז זיי מוזן צושטעלן טראנספארטאציע פאר די אידישע סקול'ס, גלייך ווען די אידישע סקול'ס עפענען זיך.

דער ריכטער איז געגאנגען נאך ווייטער און פארלאנגט אז ביידע צדדים זאלן ברענגען ווי מער ראיות, בנוגע וואס עס בארעכטיגט זייער צד. ד. ה. ער האט אריינגעלייגט דעם טי. אר. או. אין קראפט, אבער ער האט געדארפט האבן נאך אינפארמאציע אריינצולייגן וואס עס רופט זיך, א 'פערלימענערי אינדזשאנקשאן', איידער ער גיט ארויס דעם ענדגילטיגן פסק.

דער וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, בצר להם, האבן זיי זיך געוואנדן צו דער ניו יארק סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט זיי זאלן זיך צוזאמשטעלן מיט זיי און באקעמפן אין געריכט די אידישע געמיינדע און די אידישע שטייער צאלער רעכטן. און די סטעיט עדיוקעישן דעפארטמענט האט עס הארצן גערן אנגענומען, און איז געקומען און אראפגעלייגט זייערע טענות.

אָבער ב"ה אז חפץ ה' בידינו הצליח, און דער ריכטער האט אין דעם זעלבן טאָג, נאכ'ן איבערקוקן ביידע טענות פון אַלע זייטן, האט ער ארויסגעגעבן דעם 'פערלימענערי אינדזשאנקשאן', וואס לויטעט, אז ביז עס וועט קומען דער ענדגילטיגער פסק פון דעם ריכטער, וואס איז ערווארטעט ערגעצוואו אין איצטיגן חודש סעפטעמבער למס', מוז דער סקול דיסטריקט געבן טראנספארטאציע פאר די קינדער אנגעהויבן פון דעם מאנטאג פרשת נצבים.

די בשורה איז געווארן אויפגענומען מיט גרויס פרייד ביים



NYSCEF DOC. NO. 70

INDEX NO. 906129-21

RECEIVED NYSCEF: 08/25/2021

STATE OF NEW YORK
SUPREME COURT

COUNTY OF ALBANY

In the Matter of

UNITED JEWISH COMMUNITY OF BLOOMING GROVE, INC., JOEL STERN, As Parent and Natural Guarding of K.S. and M.S. and R.S. and B.S. and F.S., Infants under the Age of Eighteen Years, YITZCHOK EKSTEIN, As Parent and Natural Guarding of J.E. and C.E. and M.E. and P.E., Infants under the Age of Eighteen Years,

Petitioners-Plaintiffs,

For a Judgment Pursuant to Article 78 of the Civil Practice Law and Rules and for Declaratory Relief Pursuant to Section 3001 of the Civil Practice Law and Rules

-against –

DECISION AND ORDER
Index No. 906129-21
RJI No.
(Hon. Lynch, J.)

WASHINGTONVILLE SCHOOL CENTRAL SCHOOL DISTRICT and the NEW YORK STATE EDUCATION DEPARTMENT,

Respondents-Defendants.

**INTRODUCTION**

This is a hybrid proceeding pursuant to APLR Article 78 and a Declaratory Judgment action pursuant to CPLR §3001. In context of the pending motion for a preliminary injunction, the ultimate issue distills to the following. Are plaintiffs entitled to mandatory preliminary

1

1 of 14

גאנצן חרדי'שן ציבור אין דעם געגנט און אזוי אויך אין אנדערע געגנטער, צוזעהענדיג אז עס האבן זיך צוזאמגענומען עסקנים אויפצוטוהן לטובת הכלל, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ווען דא וועט דער געזעץ אנטשידן ווערן לטובתינו, וועט מען קענען נוצן דעם געזעץ אלס א קעיס לאו איבער עניליכע געזעצן אין אנדערע געגנטער דאס נאכצוקאפירן, און אפשפארן שווער אפגעהארעוועטע געלטער פאר אחינו בני ישראל.

דערווייל זעהט מען אָבער דער "הרשעים כים נגרש השקט לא יוכלו" ווען פרייטאָג תצא פאר'ן זמן האט דער די וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, אריינגעטראגן א 'מאושען או אַפיל' וואס דאס האט געברענגט אן אויטאמאטישער 'סטע', אז זיי מוזן נישט למעשה צושטעלן די פארלאנגטע באסעס אנגעהויבן מאנטאג פרשת נצבים, אבער די חשוב'ע עסקנים פון יו. דזשעי. סי. רוהען נישט און זענען אין פארבינדונג מיט די אדוואקאטן וואס מען קען טוהן, אז מען זאל קענען באקומען די באסעס וואס פריער לויט ווי דער געזעץ פארלאנגט, ולה' הישועה.

ברוך ה' אז חפץ ה' בידינו הצליח, און דער ריכטער האט נאך אין זעלבן טאג נאכ'ן איבערקוקן ביידע טענות פון ביידע זייטן, האט ער ארויסגעגעבן דעם פערלימענער"י אינדזשאנקשא"ן, וואס לויטעט, אז ביז עס וועט קומען דער ענדגילטיגער פסק פון דעם ריכטער, וואס איז ערווארטעט ערגעצוואו אין איצטיגן חודש סעפטעמבער למס', מוז דער סקול דיסטריקט געבן טראנספארטאציע פאר די קינדער אנגעהויבן פון דעם מאנטאג פרשת נצבים.

ברוך ה' די בשורה איז געווארן אויפגענומען מיט גרויס פרייד, ביים גאנצן חרדי'שן ציבור אין דעם געגנט און אזוי אויך אין אנדערע געגנטער, צוזעהענדיג אז עס האבן זיך צוזאמגענומען עסקנים אויפצוטוהן לטובת הכלל, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ווען דא וועט דער געזעץ אנטשידן ווערן לטובתינו, וועט מען קענען נוצן דעם געזעץ אלס א קעיס לאו איבער עניליכע געזעצן אין אנדערע געגנטער דאס נאכצוקאפירן, און אפשפארן שווער אפגעהארעוועטע געלטער פאר אחינו בני ישראל.

אבער למעשה הרשעים כים נגרש השקט לא יוכלו, און פרייטאג פאר'ן זמן האט דער צד שכנגד די וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, אריינגעטראגן א מאושע"ן או"ו אפי"ל וואס דאס האט געברענגט אן אויטאמאטישער סטע"י, אז זיי מוזן נישט למעשה צושטעלן די פארלאנגטע באסעס אנגעהויבן מאנטאג פרשת נצבים, אבער די חשוב'ע עסקנים פון יו. דזשעי. סי. רוהען נישט און זענען אין פארבינדונג מיט די אדוואקאטן וואס מען קען טוהן, אז מען זאל קענען באקומען די באסעס וואס פריער לויט ווי דער געזעץ פארלאנגט, ולה' הישועה.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ!

# אומגלויבליכע מאָביליזאַציע פון "בלומינגראָוו פאר בלומינגראָוו"; תושבי העיר גיסן מיט געלט און האַרץ אַריינצוברענגען אַ שמחת יום טוב אין די שטיבער פון שכינים וידידים

באַרימטע "קופּת עירנו" פּאַרטיילט צענדליגער טויזנטער דאללארן אין די יעצטיגע ימי ערב יום טוב צו דערפרייען אונזערע שכינים און גוטע פריינד מיט אַ ליכטיגן חודש תשרי — פאַנטאַסטישע סומע ווידעראַמאָל אויפגעטריבן ביי דעם גרויסן קאַמפּיין בלויז דורך "תושבי עירינו" מיט דעם מדת החסד וכח הצדקה וואָס שיינט און לייכט דאָ אין שטאָט אויף אַן אומגלויבליכן פאַרנעם

שיר ושבחה הלל וזמרה ווערט אויסגעדרוקט פאַר די געטרייע האַרציגע גבאי קודש וועלכע האָבן עוסק געווען מיט אזא איבערגעגעבנקייט צו שאַפן די תרומות הקודש אין די פארנומענע חודש תשרי טעג

בלומינגראָוו האָט אויף אַן אמת מיט וואָס צו שטאָלצירן! און די אייביגע זכותים וועט געוויס ברענגען פאר דער גאַנצער שטאט אַ לעכטיגן יום טוב אַ גוט קוויטל מיט אַ שנת ברכה וישועה וכל טוב סלה

## ס'איז באמת אומגלויבליך וואָס בלומינגראוו האָט באַוויזן!

וואויל איז אייער חלק טייערע אידן! בלומינגראָוו האָט מיט וואָס צו שטאָלצירן!

אַ כשר'ן פריילכן יו"ט, וואונטשט קופּת עירנו

גייענדיג צום דרוק

## באבוקות של אור: די פריילכע נייעס אז די ווילעדזש האט ב"ה ערהאלטן די וויכטיגע "סטריט לייט גרענט" אינעם סכום פון פינף און זיבעציג טויזנט דאלער.

### אין די לעצטע מינוט איידער מיר גייען צום דרוק:

# קלאגע אריינגעגעבן דורך "יו. דזשעי. סי." קעגן "אראנדזש קאונטי טראנס" באס קאמפאני און "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" איבער אומ'יושר'דיגע אויפפירונג קעגן אידישע געמיינדע

שוין אַ לענגערע צייט וואָס תושבי בלומינגראוו גייען אַריבער שוועריגקייטן דורך די "אראנדזש קאונטי טראנס" באס פירמע וואָס רעכנט זיך נישט מיט אונזערע געברויכן, און טראָץ די אלע געריכטליכע קלאגעס און די אלע פעטיציעס און די אלע לעגאלע אונטערנעמונגען וואס מען האט אונטערגענומען קעגן זיי, טוען זיי דאס אלעס איגנאָרירן און מאַכן זיך די אויגן צו די הימל שרייענדע עוולות וואס ווערט געטוהן דורך זיי און צו די רעכטפארטיגע טענות פון עלטערן.

אָבער דער קלימאַקס איז געווען מיט עטליכע וואָכן צוריק, אין די ערשטע טעג פון דעם נייעם שולע יאָר, ווען די סערוויס פון די פירמע האָט דערגרייכט געפאַרפולע שטאַפלן, און קינדער זענען אָנגעקומען אין די מוסדות און אַהיים שעות נאָך די באַשטימטע צייט.

די "אראנדזש קאונטי באס קאָמפּאַני" האָבן בזדון צוזאמגעשטעלט קינדער פוןביידע סקול דיסטריקט'ס, פון מאנרא וואודבורי סקול דיסטריקט און פון וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, וואס איז פאקטיש קעגן דעם סטעיט עדיוקעישא"ן געזעץ און עס איז אויך אַ פאַרלעצונג קעגן דעם קאנטראקט וואס זיי האבן מיט ביידע באזונדערע סקול דיסטריקט'ס.

זיי האבן צוזאמגענומען די קינדער אויף אן אומבאקאנטע און אומפארזיכערטע פלאץ, און געלאזט אונזערע טייערע קינדערלעך, די צאן קדשים, שטיין אין דעם גאס רעגן פאר לאנגע שעות, און ארומפארן מיט גוי'אישע דרייווער, אן דעם וואס די עלטערן זאלן זיין פארבינדן מיט די קינדערלעך און וויסן וואס ווען און וואו.

דער קאָשמאַר האט זיך טאקע געענדיגט ווען קינדער פון בלומינגראוו, זענען געווארן אפגעשיקט אין דעם וויטן וואודבורי, און קינדער פון וואודבורי זענען אנגעקומען אין בלומינגראוו, אָן קיין 'פינס', און אָן קיין שום אידענטיפיקאציע, וואס איינפאַך אריינגעלייגט אונזערע קינדער אין א סכנה, אן קיין שום אחריות. און ווען עלטערן האבן אריינגערופן פארפאניקט דעם דיספעטשער ליין פאר לאנגע שעות נאכאנאנד האט מען אדער נישט אויפגעהויבן, אדער האט מען אויפגעהויבן און אראפגעהאקט אויף זיי דעם טעלעפאן, מיט אן אומרעכט עד לב השמים.

ווי שטענדיג האבן די געטרייע "יו. דזשעי. סי." עסקנים דאָס באַלד גענומען צום קומענדיגן שטאַפל און צו א שטאפל ווייטער און דעם פארגאנגענעם פרייטאג פרשת וילך, עטליכע שעה צום זמן, איז געווארן געפיילט א קלאגע קעגן די וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט און קעגן דער "אראנדזש קאונטי טראַנס" באס פירמע. ווי אויך קעגן סיי ווער וואס האט געהאט א שייכות מיט דעם הימל שרייענדער הפקירות פון לייגן נפשות ישראל, און אזוי אויך נפשות פון קינדער אונטער אכצן יאר אין א סכנה.

אינטערסאנט וואָס די עסקנים געבן איבער אז צוליב דעם וואָס די קלאגע רעכנט אויך אריין פארלעצונגען קעגן דעם סטעיט עדיוקעישאן געזעץ, איז דער אפיס פון סטעיט אטוירני דזשענעראַל, לעטישא דזשעימס, געווארן אריינגעמישט אין דעם קעיס, און די באַהערדע זענען ממש געפלעפט נישט קענענדיג גלייבן די הפקירות וואָס שפילט זיך אָפּ אין דער הינזיכט פון טראַנספּאָרטאַציע, וואָס וועט האָפנטליך ברענגען גוטע רעזולטאַטן אין דער צוקונפט.

גייענדיג צום דרוק

## הנהלת ישיבה הק' "תורת צבי" ד'ספינקא האט היינט דינסטאג 'שלש עשרה מדות' גומר געווען דעם מקח אויף א הערליכן בנין



### שטח הישיבה געפינט זיך אויף די רואיגע פראספעקט גאס

### וועט בעז"הי דינען אלס אכסניא של תורה פאר די צענדליגער בחורי חמד די פינפטע ישיבה וואס איז סטאנציאנירט בעזאב"י בלומינגראוו יצ"ו

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

מוה"ר **דוד ארי' הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **ליפא טויב** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אשר גוטמאן** הי"ו
טראסטי
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שלמה נטע מארקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **דוד מאיר בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יוסף הכהן הערמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שמואל יצחק ווערצבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יוסף גאנץ** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **חיים שלמה זלמן ווייס** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **זאב וואלף כהן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **אברהם שמעון פילאפף** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ / ותגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם קלעפנער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **פישל גאלדשטיין** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

החתן **מאיר גרין** הי"ו
לרגל אירוסיו למז"ט

## מזל טוב בלומינגראוו
### צו אלע תושבי העיר, צו די נייע סימפאטישע אדמיניסטראציע

כ"ק מרן **אדמו"ר מצאנז זמיגראד** שליט"א
וחתנו הרה"ג חיים מאיר גרינוואלד שליט"א
לרגל הולדת נינו/נכדו למז"ט

מוה"ר **משה דוד ווייסבערג** הי"ו
לרגל נישואי נכדתו למז"ט / והכנסת נכדו לעוהתומ"צ

מוה"ר **אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו
דעפיוטי מעיאר וטראסטי
לרגל הכנסת נכדו לעהתומ"צ

מוה"ר **יודל נאה** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **עמרם נתן פעלבערבוים** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **דוד יצחק קליין** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **אליעזר יחזקאל שרגא ווייס** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **לייבל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **שמואל שמעלקא קליין** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

מוה"ר **חיים ארי' שווארטץ** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

מוה"ר **ניסים סאאל** הי"ו
UJC טראנספארטעישאן מענעדזשער
לרגל אירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **משה הלוי קרויס** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט / והכנסת בנו לעוהתומ"צ

מוה"ר **קלמן וואלף הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **משה אברהם פעלבערבוים** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם לאקס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **מיכאל שמואל דייטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה וכל טוב סלה

# ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ אנ"ש לרגל בואם להשתקע בעירינו

הרה"ג ר' **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
בן הגה"צ **אב"ד טשענגער** זצ"ל • חתן הרה"ג ר' **יצחק כ"ץ** שליט"א
**דומ"ץ בקהל יטב לב ד'סאטמאר**

הרה"ג ר' **הערש יעקב בריזל** שליט"א
ב"ר **אהרן** • חתן הגה"צ ר' **ברוך דוד ראטה**
**אב"ד מראה יחזקאל** שליט"א

הר"ר **יודל הורוויץ** שליט"א
בן כ"ק **אדמו"ר ממעליץ** שליט"א • חתן ר' **וואלף יאקאב**

הרב **יוחנן טווערסקי** הי"ו
בן הר"ר נחמן יוסף • חתן כ"ק **אדמו"ר מביקסאד** שליט"א

מוה"ר **ליפא טויב** הי"ו
בן הר"ר **ישראל שלום אב"ד באלטימאר** שליט"א
• חתן ר' **משה יעקב גליק**

מוה"ר **משה גאטליעב** הי"ו
ב"ר **אברהם** • חתן ר' **חיים פעלדמאן**

מוה"ר **יואל קליינמאן** הי"ו
ב"ר **אברהם חיים** • חתן ר' **יודא לייב וויינשטאק**

מוה"ר **מאיר רוטנער** הי"ו
ב"ר **אלימלך** • חתן ר' **יעקב ארי' אונגאר**

מוה"ר **אלי' ניימאן** הי"ו
ב"ר **יושע מאיר** • חתן ר' **שאול ראפופארט**

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות,
און נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

קהל דברי חיים
צאנז זמיגראד

# זמני תפלה
# לימי חול המועד

- בשעה **8:00** - בהיכל הבימ"ד
- בשעה **9:00** - בחדר שני

מנין של כ"ק רבינו שליט"א
בשעה **9:30 ברכות** - בהיכל הבימ"ד

- בשעה **10:00** - סוכה
- בשעה **10:30** - בחדר שני
- בשעה **11:00** - בהסוכה צד שמאל
- בשעה **11:30** - בהסוכה צד ימין
- בשעה **12:00** - בחדר שני
- בשעה **12:30** - בהיכל הבימ"ד

**מנחה**
בשעה 1:30 בהיכל הביהמ"ד
בשעה 6:00 בהיכל ביהמ"ד
בשעה 7:45 בהיכל ביהמ"ד

**מעריב**
בזמן ר"ת
בשעה 9:00
בשעה 10:00
בשעה 10:30

אריינצושיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער מזל טוב'ס, ברוכים הבאים,
בריוו ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף אימעיל, שרייבט צו:
info@UJCofBloomingGrove.org





ASTAR HOME CAPITAL | Your Loan is Our Interest®
For all your mortgages call:
Shmiel Posen 845.500.6974


BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949

PRSRT STD
US POSTAGE
PAID
PERMIT 70
MONSEY NY